№ 20 ... a ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Jagiellońska Kraków św. Anny 29

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 18 maja 1934 | ליכט-צינדען 7 09 | פרייטאג פ׳ במדבר ד״ סיון תרצ״ד.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי
↓ „BENETA" ↓
בערעק יאָסעלעוויטש 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ׳אבסאָלווענט פון

דער כעמישער אינדוסטרי-שולע אין ווארשא

100 פראָצ. גאַראַנטיע פאַר גוטער אויספיהרונג.

אַ פאַבריקס-לאָקאַל
איינגעריכטעט מיט מאָטאָר-טראנסמיסיע, ווי אויך אנדערע פערשידענע מכשירים ווי: פרעסען א. ז. וו. מיט אָדער אָהן צו פערדינגען.

בעזונדער אויך צו פערקויפען פערשידענע טראנס-מיסיעס מיט שייבען, 2 קופערנע מעטערדיגע קעסלען, 2 פריו-מאַשינען קאמפלעטע מיט אייזערנע טישען.

א. י. ראָזענצווייג, סטאַשיצאַ 8.

וואָרנונג!
דערמיט פאָדער איך אויף ה׳ **שאול דיאַמענט, זאַוויערטשע**, פילסודסקי גאַס 41, אַרויסצוגעבען מיר אַלע זעמטליכע וועקסלען צאָהלבאַר אין יאָהר 1933 און 1934 שפעטסטענס ביז׳ן 25 מאַי ד. י., פאר וועלכע איך האָב דעם בעטראג גענצליך בע-צאָהלט.

דאַביי בין איך מתרה דאָס אין געגענפאל וועל איך זיין געצווינגען פאָרצוטרעטען געגען אייך פאר שאנטאזש.

מאיר גרינקרויט, מיקאָלאָוו.

די וועלט-בארימטסטע דאָקטוירים האָבן פעסטגע-שטעלט, אז 75 % קראנקהייטן אנטשטייען צוליב אבסטרוקציע.

אַ קראַנקער מאָגן איז די וויכטיקסטע סיבה פון אנטשטיין פון קראַנקהייטן, – פאַראומרייניקט דאָס בלוט און שאַפט אַ שלעכטע שטאָף-וועקסלונג.

ZIOŁA Z GÓR HARCU
D-ra LAUERA

זיי עס האָבן פעסטגעשטעלט די גרעסטע דאָק-טוירים, זענען אַן אידעאַל מיטל פאַר געזונט מאַכן דעם מאָגן, באַזייטיקן אבסטרוקציע. זענען אַ לייכט דורכרייניקונג-מיטל. פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון די פאַרדייאונג-אָרגאַנען, פאַרשטאַרקן דעם אָרגאַניזם און וועקן דעם אַפעטיט.

ZIOŁA Z GÓR HARCU D-ra LAUERA

באַזייטיקן די ליידן פון לעבער, נירן, גאַלשטיינער, העמאָרידן-ליידן, רעומאַטיזם, און אַרטעריעס.

די פרייז פון אַ שאַכטל 1.50 זל.;

אַ דאָפּעלט-שאַכטל 2.50 זל.

צו באַקומען אין אַפטייקן און אַפטייק-סקלאַדן.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. K.Kosteckiego
w lokalu własnym **Waszyngtona 6**, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.

Opłata za lekcje przystępna

מאנטאג 21 מאי מוצאי יום טוב 8 אוונט

פראַקטישע לעקציע פאַר יודישע געזעלש.

לעצטע מוזיק - שלאַגערס. בילינע פרייזען.

Odciski

ZGRUBIAŁĄ SKÓRĘ I BRODAWKI USUWA BEZ BÓLU I BEZPOWROTNIE

KLAWIOL

„AP. KOWALSKI" WARSZAWA

בעקאַנטמאַכונג.
די פערוואַלטונג פון דער יודישער קהלה מאכט בעקאַנט, דאס **שבת-צו-נאַכטס, די ערשטע נאַכט שבועות וועט אין שחט-הייזעל ביי דעם שטאָדטישען בית-המדרש געשאָכטען ווערען עופות**, דעריבער ווערט אויפמערקזאם געמאַכט די היגע יודישע בעפעלקערונג זיך צו פערזעהען מיט שחיטה-קוויטלעך, דען אָהן אזעלכע וועט נישט געשאָכטען ווערען, ווי אויך וועלען קיין משכנות נישט גענומען ווערען.

בכדי צו פערמיידען אַנאַנגענעמליכקייטען אין פאַל פון אַ שאלה, ליגט אין אייגענעם אינטערעס פון די יודישע בעפעלקערונג צו נעמען פון שוחט בשעת שחט׳ן א קופאָן שחיטה כשרה.

עופות אויף יום-טוב וועלען אויך געשאָכטען ווערען אויף אַלעע וואָלנאַשטשי 15.

די פערוואַלטונג פון דער **יודישער קהלה**
אין טשענסטאָכאָוו.

מאָנטאַג, דעם 21-טען מאַי 8 א זייגער אָוועבר
אין פייערלעשער-זאַל

אויפטריט פון דער בעריהמטער קינסטלערין און יודישער טענצערין

יהודית בערג
מיט׳ן אנטייל פון קאָמפאָזיטאָר **העבעך קאָן**.

בילעטען צו בעקומען אין „רענאָמע", אַלעע 21 און אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג פון 6 אָוונט ביי דער קאַסע.

BELKI ŻELAZNE (tregry)
żelazo sztabowe i taśmowe, cement, drut i gwoździe poleca
M. GRUNDMAN, PIŁSUDSKIEGO № 35.
telefon 11-21

צו דער אויפמערקזאַמקייט!
עס ווערט בעקאַנט געמאַכט די געעהרטע קונדשאַפט, דאס דעם לאַנגיעהריגען
שלאָסער = וואַרשטאַט
פון **בערל באַלזאַם, טאַרגאָווע 17**

האָב איך איבערגענומען, וואו עס ווערען ווייטער אָנגענומען אַלעראַרט שלאָ-סער-אַרבייטען און ווערען אויסגעפערטיגט, ווי ביז-יעצט, רעיעל, פונקטליך און צו קאָנקורענץ-פרייזען.

מיט אכטונג

ישעיהו באַלזאַם, טאַרגאָוואַ 17.

הרינו מביעים את רגשי-השתתפותנו החמה בצערו העמוק של עוזרנו

מר **צבי הירש בראַט ומשפחתו**

למות עליו א מ ו

פעריל ב״יע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

הפירמא ווקסלר.

BELA HOROWICZÓWNA | **JÓZEF SZLINGBAUM**
Piotrków-Tryb. ZARĘCZENI Częstochowa
w maju 1934 r.

צו די תנאים פון אונזער ליעבען זוהן **יוסף שלינגבוים**

מיט פרל. **בעלא האַראָוויטש** פון פיאָטרקאָוו

ווינשען מיר גליק און צופרידענהייט אויף זיין נייעם לעבענס-וועג.

עלטערן.

Z intencji zaręczyn brata i szwagra naszego JÓZEFA SZLINGBAUMA z p. BELĄ HOROWICZÓWNĄ życzymy szczęścia i pomyślności.

Zborowscy, Lublingowie i Grünowie.

צו די תנאים פון אונזער ליעבען ברודער און שוואָגער **יוסף שלינגבוים** מיט פרל. **בעלא האַראָוויטש** ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.

בראָנקס, ניו-יאָרק. **שלום מאיר שלינגבוים און פרוי.**

לארושי אחי היקר **יוסף שלינגבוים**

עם בחירת-לבו **ביילה הורוביץ** מפיטרוקוב — אחולי הלבביים.

בנו ביתכם על הרי ציון וירושלים.

ראשון-לציון, א״י. **משה שלינגבוים, רעיתו ובתם.**

אונזער חבר און פריינד **יוסף שלינגבוים**

צו זיין תנאים מיט פרל. **בעלא האַראָוויטש** פון פיעטרקאָוו

ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאַמענלעבען.

ה. עפראים, י. שעפטעל, א. שטשעקאָץ.
ה. העלמאַן, ק. שטשופאַק, י. גאָלדמאַן,
ח. פורבערג, ר. דראָזדזיק און ע. באָטשאַן.

לנשואי בננו ונכבדנו היקר **שמעון פיק**

עם בחירת-לבו **אסתר קונגרצקי**

שנתקיימו ביום הששי, ד׳ סיון (18 מאי) תרצ״ד, בתל-אביב, אנו שולחים מרחוק את ברכותינו הלבביות.

תהא דרך-חייהם מגֻנה בשושנים ושמש-ההצלחת תזרח להם על הרי ציון וירושלים.

למחותנינו החביבים **אהרן קונגרצקי ורעיתו** — אחולינו הלבבים.

צ׳נסטוכובה.

ההורים והסבא בצלאל פטשביץ׳ והסבתא.

א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער ברודער און שוואָגער **פנחס ראָזענצווייג** צו זיין תנאים מיט פרל. **שרה האפער.**

די עלטערן ווינשען מיר צו דערלעבען פון זיי פיעל נחת.

איטשע גרייצער און פרוי,
דוב מארגאליעווסקי און פרוי.

צו דער התונה פון אונזער חבר **יעקב הערשליקאָוויטש** מיט פרל. **רוטקע בענדעט** א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

יצחק גראַנעק, דוד קווינטע
און יצחק גערשאָנאָוויטש.

טהו אַזוי, ווי ס׳האָבען געטהון דיינע בעקאַנטע!

עס איז היינט ערב שבועות. דער זומער איז שוין אין זיין פולען פראַכט. אַלע אַרום דיר קלע-רען שוין ווי אַזוי און וואו פערברענגען די אָב-רוה-צייט נאָך אַ יאָהר אַרבייט און דאגות.

אָבער מעהר ווי איינער, וועלכער האָט ביז נישט לאַנג צוריק איבערגעלעבט אַ שווערע צייט פון פערשידענע פינאַנציעלע שוועריגקייטען און דאגות שמייכעלט היינט און איז פרעהליך, ער האָט אַ פערזיכערטע צוקונפט און האָט די געהעריגע קאַפּיטאַלען צו פיהרען זיינע געשעפטען, ער נויטיגט זיך איצט נישט אַ סך צו קלערען, פון וואַנען ער וועט נעמען אויף אַ זומער-אָברוה פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע.

ס׳זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען זיך נישט לייכטגעשעצט די לאָטעריע, וועלכע האָבען זיך אין דער געהעריגער צייט פערזעהען מיט אַ צעטיל... זיי האָבען געווינען — ווייל די מלוכה-לאָטעריע איז זייט אַ לענגערער צייט אַזוי אויפ-געשטעלט, אַז זי גיט די שפיעלער קאָלאָסאַלע גע-ווינס-שאַנסען. היינט איז שוין כמעט אין גאַנצען לאַנד נישטאָ קיין ווינקעל, וואו ס׳זאָלען זיך נישט געפינען מעהרערע פערזאָנען, וואָס זענען בע-גליקט געוואָרען אַ דאַנק אַ שמייכעל פון גורל.

מיר האָבען שוין אפילו עטליכע מיליאָנערען, וועלכע דער גורל האָט בעשענקט אין לעצטען טאָג פון דער ציהונג מיט׳ן גרויסען געווינס...

מיר געפינען זיך איצט אין דער צייט פון דער ציהונג פון דער מלוכה-לאָטעריע. שוין אין די נאָהנטסטע טעג וועט „געבוירען ווערען" אין פוי-לען נאָך אַ מיליאָנער.

געדענק, אַז אויך דו האָסט שאַנסען צו געווינען דעם מיליאָן זלאָטעס—קאָנסט ווערען אַ מיליאָנער!

די ציהונג דויערט... דו קאָנסט זיך אָבער פער-זעהן מיט אַ לאָס—ווייל דער מיליאָן וועט פאַלען ערשט דעם 24 מאַי ה. י.

געדענק, אַז די שאַנסען זענען גרויס, אַז גלייך ווי פיעל אַנדערע, קאָנסטו פטור ווערען פון דיינע דאגות, פערזיכערן דיר דיין צוקונפט, און ווען אפילו דו זאָלסט געווינען אַ קלענערע סומע, וועס-טו ווי נישט קענען בעסער זיך איינאָרדנען, דו וועסט נישט דאַרפען זאָרגען וועגען די טאָג-טעג-ליכע דאגות...

געדענק אויך וועגען דעם, אַז די ציהונג פון דער ערשטער קלאַס פון דער 30-טער מלוכה-לאָ-טעריע הויבט זיך אָן דעם 19 טשערוויעץ ד. י. פערזוים זיך נישט אַלזאָ און בעזאָרג זיך מיט אַ לאָטעריע-צעטיל...

טהו אַזוי, ווי עס האָבען געטהון דיינע בעקאַנ-טע, וואָס האָבען געקויפט אַ לאָטעריע-צעטיל אין דער געהעריגער צייט — היינט זענען זיי פרעה-ליך, אָהן זאָרגען און די צוקונפט האָבען זיי אַ פערזיכערטע.

צוזאַמען מיט אונזער ליעבען פאָטער און פאַמיליע בעוויינען מיר דעם טויט פון אונזער ליבע און אונפערגעסליכע

מוטער **איידיל ליסעק** נ״ע

פון וועלכער די לויה איז פאָרגעקומען י״ח לחודש מרחשון שנת תרצ״ד אין טשענסטאָכאָוו.

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דניאל ליסעק, פרוי און קינדער,
דוד ליסעק, פרוי און קינדער
מעלבורן (אויסטראַליען).

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע ליעבע קינדער

דניאל ליסעק און פרוי אין **מעלבורן** (אויסטראַליען)

צוליעב דעם שמערצליכען פערלוסט פון זייער אונפערגעסליכע מוטער

איידיל ליסעק נ״ע

בנחמת ציון ינחם ולא יוסיפו לדאבה עוד.

די עלטערן

דוד קאָרנבערג און פרוי, טשענסטאכאוו.

פ. וויינבערג.

שבועות=געדאנקען.

למה נקרא שמו סיני? הר שירדה שנאה
לאומות העולם עליו. (שבת פ"ט).

א[illegible]ון אונזערע שענסטע ימים-טובים [illegible] — שבועות. אינ'ם דאזיגען טאג [illegible]מיר געווארען א פאלק מיט אנ'איי[illegible] קולטור, מיט אנ'אייגענער תורה.

ווי שעהן, ווי הערליך, האט דאס דאזיגע בילד אויסגעזעהן: א פאלק, בעסער געזאגט: א קיבוץ פון פערשקלאפטע, אונטעריאכטע מענשען, וועלכע האבען שוין כמעט געהאט פערלוירען זייער זעלבסטווירדע, שמאכטענדיג עטליכע הונדערט יאהר אונטער'ן יאך פון די העסליכע מצרישע טיראנען, זענען פלוצים דורך א גרויסען, געטליכען מנהיג אויסגעלייזט און בעפרייט געווארען פון פרעה'ס אכזריות'דיגער הערשאפט. נישט בעווייזענדיג נאך אראבצווארפען פון זיך די בעפלעקטע קליידער פון קאלך, לייהם און אייגען בלוט; נישט זייענדיג נאך דערוואקסען און רייף צו ווערען א זעלבסטשטענדיג פאלק — האט שוין פאר זיי דאמאלס אויפגעשיינט און אויפגעבליצט די גרויסע, הייליגע און אייביגע תורה מיט איהרע הערליכע אידעען.

מען זאגט, מען ווארפט אונז פאר, אז מיר זענען א עמא פזיזא, ווייל מיר האבען מקדים געווען „נעשה פאר'ן נשמע". די דאזיגע בעהויפטונג איז אבער א טעות'דיגע: מקדמונים, פון אונזערע ערשטע אבות ביז'ן היינטיגען טאג, זענען מיר ארגאניש געווען צונויפגעבינדען מיט די אידעען פון דער תורה. זיי האבען געלעבט אין אונזער נשמה, אין אונזער הארץ. „אבותינו קימו את התורה, עד שלא נתנה" — אונזערע אבות האבען מקיים געווען די תורה, בעפאר זי איז נאך געגעבען געווארען. זיי האבען זי פון דור צו דור איינגעפלאנצט אין די נשמות פון זייערע קינדער; זי איז איינגעזאפט געווארען אין זייער מוח און אין זייער בלוט.

און מערקווירדיג: אין דער צייט, ווען די גאנצע מענשהייט איז נאך געשטאנען אויף א זעהר נידריגער מדרגה פון קולטור; אין דער צייט, ווען גאנץ אייראפא איז נאך געווען בעדעקט מיט וועלדער, אהן פונק פון קולטור, זינקענדיג אין העסליכער, געצענדינערי און אבערגלויבענישען; אין דער צייט, ווען אין דער גאנצער וועלט האט געהערשט אזא גרויזאמער און שרעקליכער שקלאפען-האנדעל — האט משה רבנו געגעבען אנ'ארים, קליין פערשקלאפט פאלק אזא גרויסע, מעכטיגע תורה, אזעלכע פראכטפול-שעהנע סאציאלע אידעען פון יושר און גערעכטיגקייט.

און צוליעב אט דער דאזיגער הייליגער תורה, וועלכע גיט גלייכבערעכטיגונג דער גאנצער מענשהייט, וואס קיין שום אומה ולשון האט זי נישט געוואלט אננעמען, טראגט איהרע הומאניטארע פרינציפען, ווערן יודען אין משך פון טויזענדער יאהרען אונברחמנות'דיג געפלאגט און פערפאלגט.

אפילו היינט, אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט, בעת די מענשליכע קולטור האט דערגרייכט אזא הויכע מדרגה, רודפ'ט מען אונז נור צוליעב אונזער תורה.

אבער — נצח ישראל לא ישקר!

א דאנק אונזער תורה עקזיסטירען מיר. קיין שום כח אין דער וועלט וועט נישט אימשטאנד זיין אונז אבצווישען פונ'ם כדור-הארץ.

וואס מעהר מען פייניגט אונז, אלץ שטארקער און פעסטער דארפען מיר זיך האלטען און אונזער תורה, און איהרע אידעען, ווארום זי, נאר זי, איז אונזער איינאונאיינציגע פעסטונג; דער אייביגער קוואל פון טרייסט און שאפונגס-פרייד פאר'ן גאנצען יודישען גע'רודפ'טען פאלק.

פון וואהל = פראנט.

באלד, ווי מען האט נאר אנגעהויבען שמועסען וועגען די וואהלען צום שטאדט-ראט האבען מיר שוין געשריבען וועגען אנ'אחדות פון היגען גאנצען כלל, ווייל מיר האבען פערשטאנען, אז אויב ביי וואהלען צו די קהלות קאן מען זיך דערלויבען אויף פערשידענע ליסטעס, טאר דאס אויף קיין פאל נישט געשעהן ביי שטאדט-ראט-וואהלען, איבערהויפט ביי דער יעצטיגער וואהל-ארדינאציע.

מיר האבען געוועקט און געמאהנט גערופען צו די פעראנטווארטליכקייטס-געפיהלען פון אונזערע כלל-טהוער. מיר האבען זיך געבעטען ביי זיי, אז זיי זאלען מותר זיין אויף פערזענליכע אמביציעס און געדענקען, אז די גרויסע יודישע מאסע קליינהענדלער און האנדווערקער לייגען גרויסע האפנונגען אויפ'ן שטאדט-ראט, וועלכער קאן ביי געוויסע ענינים זיי קומען צו הילף.

און עס האט זיך אויסגעדאכט, אז דער דאזיגער רוף וועט געפינען זיין אבקלאנג, און ביי יעדער געמיינזאמער זיצונג, וואס איז פארגעקומען פון ביידע צדדים, האבען מיר געהאפט, אז עס וועט דאך געשלאסען ווערען דער דער שלום. נאך מעהר צופרידען זענען מיר געווען, ווען מיר האבען געהערט, אז צו דערפיהרען דעם שלום האט זיך אונטערגענומען דער אונפארטייאישער, בעוואוסטער אדוואקאט קאנארסקי, וועלכער איז בלי-ספק אויסען געווען דעם אמת.

ליידער אבער האבען די אלע האפנונגען אונז אבגענארט. אלע בעמיהונגען האבען צו גארנישט געבראכט און דער ארביטער אין דער פערזאן פון ה' אדוו. קאנארסקי, וועלכער איז געווען דער, וואס ביידע צדדים האבען אויף איהם מסכים געווען, האט זיך אבגעזאגט ווייטער צו פיהרען די אונטערהאנדלונגען. דאן האט זיך א צווייטער בעמיהט וועגען דערפיהרען צו א שלום און ביז דער לעצטער מינוט האט מען פראיעקטירט, קאנצעפציאנירט, קאמבינירט און מיט שפאנונג האט די גאס געווארט אויף דעם גליקליכען ווארט: שלום, וואס ס'איז נישט געקומען.

די פערהאנדלונגען האבען זיך געצויגען א גאנצע וואך און אט האט מען זיך פעראייניגט און באלד זיך צוריסען, ווידער צונויפגערופען און ווידער זיך צוגאנגען מיט גארנישט.

דאס האט אזוי געדויערט ביז נעכטען פאר 3 נאכמיטאג, ווען ס'איז געווען דער לעצטער טערמין אריינצוטראגען די ליסטעס און ערשט עטליכע שעה פאר'ן „דריטען קלינג" זענען זיך די צדדים ווידער צונויפגעקומען צום רב און נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען, זענען זיי געקומען צו א הסכם ארויסצושטעלען אנ'איינהייטליכע ליסטע, וועלכע זיי האבען אויך אריינגעטראגען אין הויפט-וואהל-קאמיטעט.

געגנוי ווי אזוי דאס זעהט אויס און צי דאס וועט שוין זיין דעצידירענד איז נישט בעוואוסט, ווייל ווי מען אינפארמירט אונז דארפען נאך געמאכט ווערען ענדערונגען און זאל מען האפען, אז עס וועט דאך קומען צו דער ענטגילטיגער פעראייניגונג.

דערווייל אבער האבען ביידע וואהל-קאמיטעטען אריינגעגעבען אויך בעזונדערע ליסטעס און אויב ס'וועט קומען צו א פולשטענדיגען הסכם צווישען ביידע קאמיטעטען, וועט דאך דער געגארטער שלום, צו וועלכען אלע יודען אין אונזער שטאדט שטרעבען צושטאנד קומען.

זאל מען האפען. אז דאס נס וועט געשעהן.

פון „נורדיה".

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פערוואלטונג איז בעשלאסען געווארען צו גרינדען א פוטבאל-סעקציע. צו דעם צוועק איז געוועהלט געווארען אנ'ארגאניזיר-קאמיסיע.

פון צייטווייליגען קאמיטעט פאר די אקציע פון דער מירער ישיבה.

שבת פ' במדבר 5 א זייגער נאכמ. וועט אין דער שוהל אלעע 1 ארויסטרעטען מיט א רעפעראט דער בעוואוסטער רעדנער הר' ישראל יאכימאוויטש (תלמיד ישיבת מיר) א. ד. ט. „די הויפט סיבות פונ'ם הערשענדען קריזיס".

עפיס פאר פרויען.

די אויסארבייטונג פון א שלעכטע זייף קאסט דאס זעלבע, וואס די אויסארבייטונג פון גוטע זייף. „שפארען" קאן מען נאר אויף די רויה-שטאפען — ד. ה., אז פאר א ביליגערן פרייז בעקומט מען אנ'ערגערע סארט זייף. עס לוינט קיינמאל נישט צו קויפען א „ביליגע" זייף פון אונבעקאנטען אבשטאם, דאגעגען לוינט שטענדיג אויסצוגעבען 10—20 גראשען אויפ'ן קילא מעהר און קויפען גוטע זייף ווי צ. ב. פון דער בעקאנטער מארקע „קאלאנטיי מיט'ן וואש-ברעטל". וועלכע צייכענט זיך אויס מיט א געדיכטער פיאנע, געשמאק און שפארזאמער פערנוצונג — זי שוינט די העגד און די וועש: זי איז אין געברויך די ביליגסטע זייף. אין יעדען בעסטען לאגער קאן מען בעקומען די זייף „קאללאנטיי מיט'ן וואש-ברעטל".

Niniejszem zawiadamia się, iż d. 15-go b. m. ZOSTAŁ OTWARTY

GABINET LEKARSKO-DENTYSTYCZNY

przy ul. **NOWY RYNEK 2**

(I-sze PIĘTRO, FRONT)

Lekarz-dentysta

F. SECEMSKA-GIL.

דריי בריעף.

(סקיצע)

פון לאלא קויפמאן.

די נאכריכט וועגען דעם פליצלונגדיגען טויט פון דארא'ס מאן האט זיך שנעל צוטראגען צווישען אלע שכנים און פריינד.

דארא'ס מאן, א שעהנער מאנספערשוין, וועמען אלע האבען געקענט פאר אנ'ארענטליכען ליבען מענש און א וועלטענעם פאמיליען-מאן, אזא געזונטער אויפ'ן אויסזעהען — איז געווען א גוט-בעוואוסטע און בעליעבטע פערזענליכקייט. איז שוין דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס גלייך אויפ'ן צווייטען מארגען, גאנץ פריה, האבען אין דארא'ס וואוינונג זיך צוזאמענגעקליבען אלע, ווער עס האט נאר געקענט דעם פערשטארבענעם. דא זענען געווען סיי זיינע, סיי איהרע קרובים, טאנטעס, אנקעלס, שכנים, פריינד און איהרע חבר'טעס... עס זענען געווען אויך עפיס אומבעקאנטע, פרעמדע מענשען. ווי א טומאן, האט דארא דאס אלץ צוגעזעהען.

עס האבען זיך ביי איהר געמישט די געדאנקען אין קאפ. אין שטוב איז אלץ געטהון געווארען אהן איהר; עמיצענס אונזעהבארע האנד האט אנגעפיהרט.

אויסגעניכטערט האט זי זיך ערשט נאך דער לויה. זי איז אויפגעשטאנען, דורכגעגאנגען זיך איבער'ן צימער און ערשט איצט האט זי צום ערשטען מאל מיט שניידיג-שארפער קלארקייט דערפיהלט די גרויזאמקייט פון דעם אומגליק, וואס האט זי געטראפען. זי האט זיך א כאפ געטהון פאר די האר.

— דארא, טייערע, בערוהיג זיך! — נעבען איהר איז געשטאנען אננא, א חבר'טע איהרע נאך פון אמאליגע יאהרען.

ערשט איצט האט זי זיך דערמאנט, אז אננא טרעט נישט אב פון איהר די לעצטע טעג, וואכט און טרויערט צוזאמען מיט איהר.

— אננא! איך בין אזוי אומגליקליך!...

די חבר'טעס האבען זיך ארומגענומען און געוויינט. דערנאך האט אננא אוועקגעלעגט דארא'ן, איינגעדעקט זי, געגעבען אויסצוטרינקען א „מעדיצין" און, זיצענדיג נעבען איהר, האט זי נישט אויפגעהערט צו וויינען...

עס האבען זיך גענומען ציהען שווערע טעג. מענשען זענען ווידער געקומען, פריינד זענען געקומען, האבען שווער געשוויגען און אויף דריטען טאג האט עמיצער שוין גענומען רעדען וועגען אבנעמען די אסעקוראציע.

דאס האט ביי דארא'ן ארויסגערופען א נייעם שטראם פון טרעהרען. פאר זיין טייערען, שעהנעם קאפ, וועט זי נאך בעקומען געלד! און דאס, וואס ער איז געווען אזוי איבערגעגעבען צו איהר, וואס ער האט אזוי פאראויסגעזעהען און געזוכט זי צו בעווארענען נאך זיין טויט — דאס האט נאכמעהר פערטיעפט איהר צער, בענקשאפט און פערצווייפלונג.

— ווי זי ליידט נעבוך! גאט, זי וועט דאס נישט איבערטראגען! — האט די גאנצע צייט גע'טענה'ט איהרע א טאנטע.

דער אנקעל אברהם אבער, וואס איז בטבע געווען א גרויסער סקעפטיקער, האט איהר אבגעענטפערט:

— אנ'אמת'ע מעשה! דו הויבסט נישט אן צו קענען חוה'ס טעכטער! עס וועט אוועק א חודש—צוויי, וועט זי זיך ווידער אנהויבען פוצען און פודערען... אט אזא מין סחורה זענט איהר!

האט איהם, פערשטעהט זיך, די טאנטע נישט געשוויגען און זי האט איהם דערלאנגט אנ'ענטפער, אזוי ווי זי קען. זיי האבען זיך פשוט געקריגט צוליעב דארא'ן.

די טאנטע האט געראטען דארא'ן איבערצוקלייבען זיך אין אנ'אנדערע וואוינונג. זי וועט זיך אביסעל פערגעסען. ווען פאר איהרע אויגען וועלען כסדר נישט שטעהן די זאכען זיינע...

די זאכען זיינע האבען ביי דארא'ן ארויסגערופען אנפאלען פון טרעהרען און בענקשאפט. זי האט געקאנט בעגיסען מיט טרעהרען דעם זייגער זיינעם, זיין טיש, דעם שטוהל, די פאפירען אויפ'ן טיש — אלץ האט גערעדט צו איהר, ווי ס'וואלט געלעבט.

זי האט נישט געוואלט ארויספאהרען פון דאנען, נישט געוואלט זיך צושיידען מיט די אלע ליבע זאכען. די טאנטע איז אבער אזוי צוגעשטאנען צו איהר, אז דארא האט פשוט קיין כוח נישט געהאט אקעגענצושטעלען זיך. זי האט מיטגענומען צום אנדענקען א פאר קלייניגקייטען און מיט א מאדנעם געפיהל האט זי צום ערשטען מאל אויפגעמאכט מיט'ן שליסעל די טיש-קעסטלעך פון זיין שרייב-טיש.

דארא'ס מאן האט ליעב געהאט ריינקייט און ארדנונג, זי האט אין טיש-קעסטעל געפונען אפילו א בינטעל בריעף איהרע צו איהם. דאס זענען געווען בריעף נאך פון פאר זייער חתונה. עס זענען אויך געווען שפעטערדיגע בריעף, געשריבען שוין נאך דער חתונה. דארא האט איצט געלייענט די בריעף און די טרעהרען, וואס זענען אנגעלאפען אויף איהרע אויגען האבען איהר געשטערט צו זעהן גוט. אך, אצינד וואלט זי איהם נאך הייסער געשריבען! ווי ווייניג געפיהלען זי האט איהם ארויסגעזאגט אין איהרע בריעף! איצט איז אבער שוין צו שפעט. זי וועט איהם שוין קיינמאל נישט קאנען ארויסזאגען, ווי שטארק זי האט איהם געליעבט.

די לעצטע דריי בריעף זענען געווען נישט פון איהר. די האנדשריפט איז געווען א בעקאנטע און דארא האט זיך נישט געקאנט דערמאנען, וואו זי האט געזעהן אט די האנדשריפט. האט זי דאן א בליק געטהון אויף דער אונטערשריפט און האט ווידער נישט פערשטאנען — עס איז געווען אונטערגעשריבען: „א נגא". דאן האט זי גענומען לייענען די בריעף...

זי האט זיי דורכגעלייענט אין פינף מינוט, אבער איהר האט זיך אויסגעדאכט, אז עס איז פאראיבער א גאנץ יאהר. עס זענען פערהאן מאמענטען, ווען אין איין אויגענבליק ענדערט זיך די גאנצע לאגע פון א מענש — אט אזא מאמענט איז יעצט אויסגעפאלען אויף דארא'ן. זי איז געווארען עפיס ווי פערשטיינערט, אהן דער מינדסטער בעוועגונג, אבער די געדאנקען איהרע האבען זיך אין לאגישער ארדנונג בעוועגט ביי איהר אין קאפ.

אורטיילענדיג פון די דאטום'ס אויף אננא'ס בריעף, האבען זיי געפיהרט א ליעבע נאך מיט צוויי יאהר צוריק. דארא האט זיך אנגעהויבען צו דערמאנען, רוהיג און קאלט האט זי אנגעהויבען רעכענען. זי האט אפילו גישט פערפעהלט צו בעמערקען, אז אננא שרייבט גוט, בעסער פון איהר און דאס, וואס ער האט אננא'ס בריעף געהאלטען צוזאמען מיט איהרע — דאס האט דארא'ן בעליידיגט מעהר פון אלץ...

צומארגענס איז דארא שוין געווען גאר אנ'אנדער מענש ווי נעכטען. אויף איהר פנים האט זיך צולעגט א קאלטער און שטאלצער אויסדרוק. זי האט אבגעגעסען פריהשטיק מיט אפעטיט דאס ערשטע מאל זינט זיין טויט, דערנאך האט זי טעלעפאנירט צו אננא'ן און זיך מיט איהר געזעהן

און ערשט איצט האט זי בעמערקט, ווי שרעקליך אננא האט זיך געענדערט. ווי זי איז פערעלטערט געווארען אין די עטליכע טעג. מיט קאלטער נייגעריגקייט האט זי געקוקט אויף אננא'ן, בעטראכט די חבר'טע, גלייך ווי זי זעהט זי איצט צום ערשטען מאל.

— וואס קוקסטו אזוי אויף מיר, דארא?

— זאג, אננא, דו האסט איהם שטארק ליעב געהאט?

— וועמען? — האט אננא שטיל געפרעגט. דארא האט געזעהן, ווי ביי יענער זענען די ליפען בלאס געווארען.

— כ'פערשטעה נישט, דארא, געוויס ליעב געהאט..

— צוויי יאהר, הא?...

אננא איז אויפגעשטאנען א בלאסע ווי קאלך.

— וואס איז מיט דיר? — האט דארא געפרעגט און אין איהרע אויגען איז געווען עפיס אזוינס, וואס האט אננא'ן דערשראקען.

— ווער האט דיר דאס געזאגט, דארא?

— דער פערשטארבענער! — האט דארא געענטפערט.

זי האט ארויסגענומען די בריעף און האט מיט זיי א פיהר געטהון פאר אננא'ס פנים:

— דערקענסט?...

— א!... — האט אננא מיט שרעק געקוקט אויף די בריעף — וואס איז דאס?

— דיינע בריעף, ליעבעס-בריעף צו מיין מאן..

— גיב מיר! — האט אננא געמאכט א בעוועגונג א כאפ צו טהון די בריעף, דארא האט אוועקגעריסען די האנד:

— איך וועל זיי פריהער ווייזען דעם מאן דיינעם!

— דארא! — האט מיט שרעק אננא א געשריי געטהון.

— אומבעדינגט, אננא! איך וועל דאס זיכער טהון! דאס וועט זיין מיין נקמה...

— דארא, איך בעט דיך... עס איז גארנישט געווען צווישען אונז... דאס האב איך גלאט אזוי זיך... דארא, גיב מיר די בריעף!

— טאקי, אנדערש נישט! — האט דארא, ווי רייצענדיג זיך מיט איהר, געפאכעט מיט די בריעף פאר אננא'ס פנים.

— דארא, האב רחמנות! יא, איך בין שולדיג! אבער ער האט געליעבט בלויז דיך.

דארא איז געווען אבגעשוואכט פון דער אויפרעגונג און זי האט די בריעף צוגעווארפען צו אננא'ן.

* * *

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט, האז? — האט דער אנקעל אברהם אונטערגעקווינקען, רייצענדיג זיך מיט דער טאנטע וועגען דארא'ן. א מיטוואך, א דאנערשטאג זינט דער מאן איז געשטארבען און זי פודערט זיך שוין, אראבגענומען פון זיך דעם טרויער און פאר אסעקוראציע - געלד האט זי בעשטעלט נייע מעבעל. עס האט זיך איהם טאקי געלוינט צו שטארבען, יא!

די טאנטע האט פערשטעהט געשוויגען, אבער דאך, כדי ער זאל נישט האבען דאס לעצטע ווארט, האט זי א מאך געטהון:

— אך, אברהם, קיינער קען נישט וויסען, וואס ביי יענעם אין הארץ טהוט זיך...

משה אש.

דער דור פון מתן-תורה און די היינטיגע דורות.

בעת דער אויבערשטער האט דורך משה רבינו געגעבען די תורה אויפ'ן בארג סיני, האבען אלע יודען, וועלכע זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים איינשטימיג אויסגערופען: „נעשה ונשמע"— מיר וועלען אלץ טהון, וואס שטעהט אין דער תורה און אויספיהרען אלע תקנות און אנווייזונגען פון אונזערע מנהיגים און רבנים. עס האט זיך אפילו נישט געפינען איין-איינציגער יוד, וועלכער זאל פראטעסטירען, אדער פראיעקטירען געוויסע אויסבעסערונגען, נור אלע, ווי איין מאן האבען דערצו מספים געווען.

אין פערלויף פון דער צייט זענען אבער אנגעקומען נייע דורות, קלוגע און אינטעליגענטע, שוין נישט קיין „נעשה ונשמע'דיגע", נור גרויסהאלטערישע, וועלכע בילדען זיך איין, אז זיי זענען חכמים ונבונים, וואס האבען ליעב אלץ צו וויסען און — הויפטזעכליך א סך צו רעדען.

די עלטערע גענעראציע, וועלכע איז יומם ולילה געזעסען על התורה ועל העבודה, געקוועטשט די בענק אין די בתי-מדרשים; די, וועלכע זענען נישט געווען קיין בני תורה האבען תמיד אין זייער פרייער צייט געפלעגט תהלים-צו-זאגען — האבען זיך היינט געגרינדעט ארגאניזאציעס, פעראיינען, ארטאדאקסישע, מזרחיסטישע — און האלטען אין איין רעדען.

ווען די פרויען האבען קיין גלייכבערעכטיגונג נישט געהאט, האבען זיי אויסגענוצט זייער ניין מאס רייד צו פייניגען זייערע מענער, אדער צו בערעדען זייערע שכנ'טעס. צייט אבער זיי זענען עמאנציפירט געווארען, רעדען זיי שוין אהן א מאס: ארגאניזירען פערבאנדען, קלובען, בעשעפטיגען זיך מיט געזעלשאפטליכער ארבייט, ביי אלע וואהלען נעהמען זיי א לעבהאפטען אנטייל — די אונטערשטע שורה: זיי האלטען אין איין רעדען.

די יוגענד ווידער, וועלכע האט שטענדיג עוסק-געווען נאר אין לעהרע, איז היינט געווארען רעדעוודיג: זיי בעשאפען פערשידענארטיגע יוגענד-ארגאניזאציעס, ווי: „צעירים", „בנות", „ברית'ן"; פיהרען דיסקוסיעס, וכוח'ענען אונאויפהערליך, ארדנען איין רעפעראטען — און זענען עוסק אין הלכות-רעדען.

אין אלע געזעצגעבערישע קערפערשאפטען, ווי למשל: פארלאמענטען, זעלבסטפערוואלטונגען, קהלות א. ד. גל. — ווערט ווייניג געטהון און פיעל גערעדט.

אמאל האט מען גערעדט, ווען מען האט געמוזט; שפעטער האט מען גערעדט, ווען מען האט געדארפט; היינט רעדט מען, ווייל מען קען נישט שווייגען — אויב מען וועט נישט רעדען, איז מען נישט קיין אינטעליגענט.

אמאל האט מען געדארפט קענען רעדען, היינט רעדט מען, ווייל מען קען נישט — שווייגען.

אמאל האט די עלטער גערעדט און די יוגענד האט געשוויגען; היינט רעדט די יוגענד און די עלטער — שווייגט.

אמאל האבען חכמה און שכל גערעדט — היינט רעדט חוצפה.

אמאל האט מען ליעב געהאט צו הערען — אנדערע רעדען; היינט וויל יעדער זעלבסט זיין א רעדנער, אזוי, אז אנדערע זאלען מוזען איהם הערען רעדען.

אמאל האט מען אין געזעלשאפטליכער ארבייט אזויפיעל געטהון, אז עס איז נישט געווען קיין צייט צו רעדען, היינט, אז מ'קומט אויף א מיטינג אדער פערזאמלונג ווערט אזוי פיעל גערעדט, דאס עס בלייבט נישט קיין צייט, ווען עפיס צו טהון.

אמאל האט מען גערעדט, בכדי איבערצוצייגען דעם געגנער, היינט דאגעגען רעדט מען, כדי צו פערטימלען.

עס זענען דא גלאטע רייד, ווייכע רייד, גראבע רייד, ביטערע רייד, נא, רישע רייד, זיסע רייד, שארפע רייד, אבער מייסטענס איז דאס אלץ — איבעריגע רייד.

זענען נאך ווייניג געווען די פיעל רעדערייען פון מענשען — האט די טעכניק בעשאפען א נייעם רעדנער: דעם ראדיא, אזוי, אז בעת אלע זענען שוין מיעד פון רעדען, זאל ער די רעשט דערגענצען.

דעריבער דארפען מיר דעם היינטיגען שבועות, יום מתן-תורתנו צו דאנקען אונזערע אבות-אבותינו, וועלכע זענען געווען ביים בארג סיני בעת די תורה איז געגעבען געווארען, נישט אריינגעלאזט זיך אין דעבאטען און רעדעס, נור ארויסגעזאגט די צוויי ווערטער: „נעשה ונשמע" — מיר וועלען „טהון", נישט עוסק זיין אין פוסטע דיבורים, און דעריבער זענען מיר געקומען צו דער תורה. ווארום, ווען אונזערע עלטערן וואלטען זיך דעמאלס פערנומען מיט דעמזעלבען, וואס מיר היינט: מיט דיסקוסיעס און רעדערייען, איז גאנץ מעגליך, אז מיר וואלטען היינט צו-טאג קיין תורה נאך נישט געהאט.

הארטנעקיגע פערשטאפונג ווערט בעזייטיגט דורך דעם געברויך יעדען אינדערפריה א קליין גלאז פון נאטירליכען ביטערוואסער
FRANCISZKA JÓZEFA

שבועות = „רייזעלעך".

ערצעהלונג

פון ל. מלאך.

נישט אומעטום איז אזוי, נאר אין געוויסע געגענדען אין פוילען איז א מנהג, אז שבועות, נישט נאר „דעקארירט מען" אינעווייניג די ווענד מיט „גרינס", נאר מען קלעבט אויך אויס אויף די שויבען-פענסטער „רייזעלעך", אויסגעמאלטע און אויסגעשניצטע פאפיר-פיגורען, די מייסטענטייל גאנץ פשוט'ע, קינדערישע ארבייטען, וואס שטעלען פאר: „יציאת מצרים" אדער ווי „יוסף דערקענט זיינע ברידער", „די יודען אונטער'ן בארג סיני" און דאס גלייכען.

שבועות, נאך דער ערשטער מילכיגער סעודה, נעהמען זיך אן חברה חדר-יונגלעך און לאזען זיך געהן איבער די געסלעך און קוקען וועלכע „רייזעלעך" עס זענען די שענסטע.

די רייזעלעך שטעלען נישט פאר בלויז „היסטארישע" טעמעס, נאר אויך אקטועלע „קארנטוס", למשל, די מלחמה צווישען „רוס" און „יאפאנטשיק", און די לעצטע צייטען — די מלחמה צווישען „דייטש" און „פאניע" א. ז. וו.

* * *

הערשעל סקאפ איז געווען א „קינצלער" אין מאכען „רייזעלעך". באלד נאך פסח האט ער זיך שוין גענומען צו די „כלים", דאס הייסט א קאלירטע בלייפעדער, וואס איין זייט איז עס געווען רויט און פון דער אנדערער — בלוי. חוץ דעם האט ער זיך בענוצט מיט א פענזעלקעל, מיט אביסעל פארב און מיט שארפע פענע-מעסערלעך צו שניצען און קריצען די „רייזעלעך".

אויף הערשעלע'ן האבען מבינים געזאגט, אז ער וואקסט א לייט, ווארום דעם נייעם „שויתי", פאר'ן אלטען עמוד, האט ער אי געמאהלען, אי געשניצט און דעם „לויתן" און „שור הבור" און דעם „קאפעל" פון דער שוהל האט ער אויך „גצריסעוועט" און אלע בעציהרונגען צו דעם ארון קודש זענען פון זיין האנד, די „לייבען" און די „לעמפערטען", די „אדלערס" און די „כרובים", אלץ פון זיין אייגענעם קאפ ארויס...

אט די אלע „שמאכטעס" האבען אפילו נישט געשמעקט זיינע פעטערס און מוהמעס, ווארום ער איז געווען א יתום אי פון טאטען, אי פון דער מאמע'ן און צו לערנען האט ער גראד נישט קיין גרויס חשק געהאט, און אז מען לערנט נישט, האט מען נישט נאר נישט קיין עולם-הבא, נאר אויך נישט קיין „טעג" צו עסען. און די מוהמעס און די פעטער'ס האבען אליין נישט געהאט און האבען אודאי נישט געקאנט אוועקגעבען זייער שטיקעל ברויט צום יתום.

אבער עס האט גארנישט געהאלפען, הערשעל איז טאג און נאכט געלעגען איבער'ן פאפיר און געמאהלען.

קיין געלד האט ער דערפאר נישט גענומען, אבער זיין „שכר" איז געווען אז שבועות האבען איבער די מעהרסטע נגידישע, גרויסע, אבגעוואשענע שויבען געקלעבט זיינע „ריסונקעס", דא א ראטע זעלנער מיט שפיציגע היטלעך, דא א פאטרול קאזאקען, רייטענדיג אויף פערד, דא גאר עפיס א פיגור פון א קייזער און דארט — א גענעראל...

דאס שטעדטיל, וואו הערשעל סקאפ האט געוואוינט איז געלעגען נאהנט צו די פאזיציעס און מחמת דעם, וואס דער „רוקען" איז שוין געווען אבגעשניטען פון די דייטשען און דער פראנט האט געפלאקערט מיט אימה און פערניכטונג, האט מען די איינוואוינער, מייסטענס יודען, נישט געהאט וואו צו טרייבען. יודען זענען געלעגען אין די קעלערס, פערשטעקט און בעהאלטען, מורא געהאט דעם קאפ אויפצוהויבען, ווארום נישט נאר איז די סכנה געווען פון קוילען, וואס האבען אריבערגעפייפט איבער'ן שטעדטיל און דורכגעלעכערט די דעכער, נאר אויך פון די אפיצירען, גענעראלען און אפילו פשוט'ע סאלדאטען פון דער רוסישער ארמעע, וואס זענען געווען צוּרייצט און פערצווייפעלט, און האבען זיך געזוכט עפיס אנ'אויסרייד, כדי אנצופאלען אויף די צעשראקענע יודישע איינוואוינער און זיי ארויסשלעפען פון זייערע בעהעלטנישען און דורס זיין.

אבער עס האט זיי סיי ווי גארנישט געהאלפען. פאטרולען זענען ארומגעגאנגען פון קאמער צו קאמער, פון קעלער צו קעלער, מיט אויסריידען, געזוכט צי ליגען דא נישט בעהאלטען דייטש-עסטרייכישע שפיאנען, צי געפינט זיך נישט ערגיץ קיין געהיימער טעלעפאן, צי גיבען די יודען נישט איבער קיין... מיליטערישע סודות צו די שונאים...

און אט איז עפיס שרעקליכעס געשעהן: אנ'אבטיילונג פון פעלד-זשאנדארמעריע האט ענטדעקט אנ'„אוצר" פון פערראט אינ'ם קעלער פון דעם אלטען בית-המדרש. דארט איז קיינער נישט געווען, חוץ הערשעל סקאפ. נאך אין די גוטע צייטען האט דער קעלער געדיענט פאר זיין „סטודיע". איצט, אין דער בהלה, ווען קיינער האט זיך נישט אויף איהם אומגעקוקט און קיינער האט איהם נישט אין זינען געהאט, האט ער זיך אומגעשטערט געקאנט אבגעבען מיט זיין „קונסט", ער האט געמאהלען „רייזעלעך" אויף וואס ער האט נאר געהאט, אויף פאפיר און שטיקלעך לייווענט, אויף די ווענד און אויפ'ן סופיט.

ווען דער פאטרול איז אריין, האבען זיי הערשל'ען געטראפען כמעט א האלב-פער'חלש'טען פון הונגער, אבער דעם צוויי-שפיציגען בליישטיפט האט ער געהאלטען אין דער האנד און — געמאהלען.

פאר דעם אפיציר איז „קלאר" געווארען, אז דא האט ער צו טהון מיט א וויכטיגען פערברעכער. מיט איינעם, וואס צייכענט „פלענער" פון דער רוסישער ארמעע און גיט עס איבער צו די „שוואבען"... מען האט באלד צוויסען געגעבען אין גענעראל-שטאב וועגען דעם גרויסען „העכט", וואס מען האט געכאפט. דער גענעראל-שטאב האט אזש מודיע געווען נאך העכער, אפשר אין סאמע „פעטערבארג". אומגעהויערע פאטרולען האבען ארומגערינגעלט דעם בית המדרש. א שטרענגע רעוויזיע איז דורכגעפיהרט געווארען. מען האט נאך געפונען אט אזעלכע „רייזעלעך", דאס האט אלץ בעשטעטיגט, אז הערשעל סקאפ איז א שפיאן.

איבער דעם שטעדטיל האט זיך פערצויגען א וואלקען.

דער רב און די עלטסטע בעלי-הבתים האבען געפרובט אויפווייזען דעם קאמענדאנט, אז דער בחור'ל האט קיין זאך נישט געמיינט, אז דאס איז א מנהג ביי יודען אויפצוקלעבען אזעלכע „מענשעלעך" אין די פענסטער לכבוד דעם יום-טוב שבועות און אז ער האט דאס צוגעגרייט, ווי אלע יאהר אט די „רייזעלעך". די מפלות אבער פון דעם רוסישען חייל האט דעם קאמענדאנט נאך מעהר צורייצט, ער האט געדארפט האבען אויף עמיצען, ארויפצוווארפען די שולד פון די מפלות און האט דעריבער הערשעל סקאפ געשטעלט צו א מיליטעריש פעלד-געריכט.

דאס איז געווען דעם ערשטען טאג שבועות. די דייטשע ארמעע איז אבגעשטופט געווארען, דער פראנט האט זיך ארויסגערוקט ווייט ווייט פון שטעדטיל. די יודען האבען גענומען ווי עס איז מיט א טרויעריגען געמיט זיך פיהלען יום-טוב'דיג, פון אויסציהרען מיט גרינס די ווענד איז אבגערעדט. און די „רייזעלעך" האט מען דאך אויך נישט אויסגעהאנגען, ווארום ווער מען ליגט עס אין זינען? אבער געהענדיג אין בית-המדרש אריין האט מען מיט שרעק דערזעהן, ווי אויף א ספעציעלע געמאכטע תליה אין מיטען מארק, איז געהאנגען, א כמעט שווארצער שוין, הערשעל סקאפ. צו זיינע פיס איז געווען צוגעשפילעט דער בעקאנטער אויפשריפט: „פאר פערראט". און די שבועות רייזעלעך האט מען מיט א ספעציעלען שליה אוועקגעשיקט אין דער הויפט-שטאדט, ווי אלס וויכטיגע דאקומענטען, אדער אלס די גרעסטע „טראפעע", וואס מען האט פערכאפט ביים „שונא".

וואס געהערט, וואס געזעהן.

100-יעהריגער יובל.

אין דעם גאנצען רעש און טומעל פון די וואהלען צום שטאדס-ראט, ווען אונזערע פון „גאט-געזאלבטע" כלל-טהוער רייסען זיך ארום וועגען א בענקעל און וואו דאס בענקעל זאל שטעהן — אביסעל העכער אדער אביסעל נידעריגער — איז שטיל, אהן גערודער געשאפען געווארען א קאמיטעט צו פייערען דעם 100-יעהריגען יובל פון היגען בית-המדרש.

די פייערונג וועט זיך נישט בעגנוגענען מיט איינארדנען א באנקעט, וואו איינעם וועט מען מכבד זיין מיט עהרען - פרעזעס, דעם צווייטען — מיט טאאסט-מייסטער און אנדערע כבודים. דער יובל-קאמיטעט וועט זיך פערנעמען אויסשליסליך מיט פראקטישער און נוצליכער ארבייט און נעמליך: אויפבויען אנ'ערשטען שטאק און אויסבעסערן און פערשענערן דאס אלטע בית-המדרש. צו דעם צוועק וועט לויט'ן מוסטער פון אנדערע שטעדט, וואו עס ווערט געשריבען א ספר-תורה אויף דעם נאמען פון גרויסען גאון חפץ-חיים, אויך ביי אונז געשריבען ווערען א ספר. עס וועלען פערקויפט ווערען אותיות און דאס געלד וועט געהן, כדי צו קענען אויפבויען א ניי, גרויס און שעהן בית המדרש.

אין דעם דאזיגען קאמיטעט זענען אריין א פאר בעל-בתישע יודען, געוועזענע בית-המדרש בחורים, ווי ר' אברהם גליקסמאן, הירשל שפאלטען, יוסף וויינריב א. א. און זיי בעגניגען זיך נישט בלויז, אזוי ווי אונזערע געשוואוירענע כלל - טהוער מיט פיסק-מלאכה, נאר זיי האבען זיך שוין גענומען צו פראקטישע ארבייט.

אויפ'ן הויף פון בית-המדרש לעשט מען קאלך און דער אינזשיניער האט שוין געמאכט דעם פלאן. באלד נאך יום-טוב וועט מען זיך נעמען צו דער מלאכה. ס'איז אויך אויסגעפערטיגט געווארען א ספעציעלע בראשור וועגען דעם ענין, מיט א הערליך ארטיקעל פון היגען חשוב'ן רב.

צום סוף וויל איך נאך דערמאנען, אז דער איניציאטאר פון הונדערט-יעהריגען יובל פון היגען בית המדרש איז ר' משה אש בכבודו ובעצמו, וועלכער האט פערעפענטליכט אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" א רייהע ארטיקלען וועגען אויפבוי פון בית-המדרש מיט 100 יאהר צוריק.

איך האב ספעציעל דערצעהלט וועגען דעם אלעם, כדי אייך צו בעווייזען, אז „ביי יודען", וועלכע האבען ליעב נאר א סך צו רעדען, מאכען א טומעל וועגען דער קלענסטער קלייניגקייט און הייסען אנדערע טהון, אז אין דעם פאל איז עס גאר נישט יודישלעך — עס איז: אמור מעט ועשה הרבה.

מען רעדט טאקי ווייניג, מען האלט נישט אב אסיפות, נאר זיי זענען שוין צוגעטרעטען צו דער ארבייט.

ווינשען מיר זיי טאקי הצלחה אין זייער אנגעהויבענער ארבייט צו דעם הונדערט-יעהריגען יובל פון היגען בית-המדרש.

שיר השירים.

לעצטענס קומען פאר קאנקורסען, נישט חס ושלום וועגען ארענטליכקייט, בעשיידענהייט און וועגען נאך אזעלכע נארישקייטען. עס קומען פאר שווים-קאנקורסען, באקס, שפרינגען, טאנצען און נאך אזעלכע קאפ-שווינדלערישע קאנקורסען.

דער קאנקורס וועגען וועלכען איך וויל אייך דערצעהלען איז נוגע געזאנג.

נישט לאנג איז פארגעקומען א געזאנג-קאנקורס פון דערוואקסענע און ווי איהר געדענקט, געוויס, האט דעם ערשטען פריז דאמאלס בעקומען איינער פון אחינו בני ישראל — ר' יצחק ריכטער. די טעג איז ווידער פארגעקומען א צווייטער געזאנג-קאנקורס פון שול - קינדער און ווידער האבען זיך אויסגעצייכענט יודישע קינדער.

5 כארען פון די קריסטליכע פאווושעכנע שולען און איין כאר פון די יודישע פאווושעכנע שולען זענען אויפגעטרעטען אין קינא „לונא" מיט זייערע געזאנגען.

גאנצע דריי שעה זענען מיר געזעסען, געווארט און געשוויצט און מיר האבען אויסגעהערט אלע 5 כארען פון די קריסטליכע שולען. ערשט צום סוף איז געקומען דער יודישער כאר אונטער דער לייטונג פון דעם גוט-בעקאנטען געזאנג - לעהרער און אבער-קאנטאר ה' פישעל, וועלכער האט בעקומען לאנגע, פערדינטע אפלאדיסמענטען, ווייל די קינדער האבען ווירקליך שענער געזונגען פון אלעמען.

ביי אלע איז געווען השירים און ביי די יודישע קינדער איז געווען — שיר השירים...

מיר האבען זיך נישט צו שעהמען מיט אונזערע יאטען.

איך האב אייך יענע וואך דערצעהלט וועגען דעם באקס-מעטש, וואס איז פארגעקומען צווישען אונזערע „מכבי"-יאטען און דער שטארקער דרוזשינע פון דער היגער „בריגאדא".

די וואך זענען אבער פארגעקומען באקס-מעטשען צווישען בלויז יודען, וועלכע זענען געקומען מארבע פנות הפוילען און דא האבען זיי קאנקורירט צווישען זיך, כדי מען זאל קענען וויסען ווער עס קאן אנטייל געמען אין דער מכבי'אדע, וואס וועט פארקומען אין תל-אביב אין 1935 יאהר.

די באקס מעטשען זענען פארגעקומען צוויי אווענדען, שבת און זונטאג. עס האבען זיך געשלאגען: ווארשאווער מיט קאלישער, פויזנער מיט לאדזער, גראדנער מיט קאלישער און איין ווארשאווער מיט א טשענסטאכאווער און שטעלט אייך פאר, אז דער איינער טשענסטאכאווער, כליוונער שמו, האט בעזיעגט דעם ווארשאווער בארענשטיין, וועלכער ווערט גערעכענט פאר א ווארשאווער מיסטוש.

מילא, די געוואלדען און קולות וואס ס'האבען זיך אבגעטהון, בין איך אייך נישט אימשטאנד איבערצוגעבען. אלע, אפילו די אינטעליגענץ, וועלכע זענען געווען אויפ'ן מעטש, האבען צוזאמען מיט'ן עולם מיטגעשריגען און צוגעגעבען מוט דעם טשענסטאכאווער, אז ער זאל זיעגען. און ווען עס איז בע-

ש. פייגענבוים.

פּאַרטייען און די יוגענד.

דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט אונזער יעצטיגע תקופה בעשטימט אָנרופען אַלס די תקופה פון פּאַרטייען, ווייל נאָך קיינמאָל נישט ווי היינט, צייכענט זיך אויס דאָס יודישע לעבען מיט אַזאַ רייכקייט, מיט אַזאַ שפע פון פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס פערנעמען זיך (כלומרשט) מיט יוגענד־ערציהונג (?!)

עס איז אפשר אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, וואָס פאַר דער יוגענד, וועלכע טרעט אַריין אין די פערשידענע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, שפּיעלט די קלענסטע ראָל, אָדער אפשר גאָר קיין ראָל נישט די אידעע פון דער פּאַרטיי, עס לאָקט איהר קיינמאָל נישט די פּאַרטיי צוליעב איהר פּראָגראַם, דער הויפּט־מאָטיוו, וואָס צווינגט זי אַריינצוטרעטען אין דער און נישט יענער פּאַרטיי איז דער עיקר די סביבה, וועלכע ווירקט פּסיכיש אויף איהם אַריינטרעטען דאָרט, וואו די סאָציאַלע אומגעבונג איז פאַר איהם אַ געוואונשענע; טיעף דורכגעטראַכטע אָדער גאָר לאָגישע מאָטיוון קומען דאָ געווענליך נישט אין בעטראַכט.

עס איז אויך אַ גאַנץ נאַטירליכע ערשיינונג דער מאַסען־שטראָם פון אונזער יוגענד צו פערשידענע פּאַרטייען, ווייל יעדער מענש איז אַ קאָלעקטיוויסטישע חיה און ממילא צווינגט איהם דער אינסטינקט נישט צו בלייבען איזאָלירט און זיך אָנצושליסען אין עפּיס אַ פּאַרטיי. נור יחידים מיט אויסערגעוועהנליכע אייגענשאַפטען קענען זיך ערלויבען צו געהן נעגען שטראָם, אָבער יחידים ענדערן נישט דעם כלל.

צוליעב אָט די מאָטיוון, קאָנען מיר נישט אָננעמען אַלס קריטעריום דעם כמות פון אַ פּאַרטיי אַלס סימן, דאָס די אידעע האָט געשלאָגען טיעפע וואָרצלען אין פאָלק, אָדער, דאָס די יוגענד האָט מעהר פערשטענדניש דוקא פאַר דער ריכטונג צוליעב איהר גרויסער צאָהל; נישט שטענדיג איז די צאָהל איבערצייגענד.

ווען איהר וועט דורכבלעטערן די פערשידענע פּראָגראַמען פון די פערשידענע יוגענד־פּאַרטייען וועט איהר אומעטום אָנטרעפען, דאָס קולטור און בילדונג פערנעמען דעם ערשטען פּלאַץ, דעם סאַמע אויבענאָן. ערשט דערנאָך אויפ'ן צווייטען פּלאַן, געפינט זיך פּאַרטייאישקייט. דאָס אַלץ איז אָבער אין דער טעאָריע. אין דער פּראַקטיק, ד. ה. אין טאָג־טעגליכען לעבען איז פונקט דער היפּוך דערפון, דאָס פּעדאַגאָגישע, דאָס ערציהערישע ווערט אַרויסגעשטויסען און דעם אויבענאָן פערנעמט איהר מאַיעסטעט די פּאַרטיי.

יוגענד איז רויה און עלאַסטיש, וואָס לאָזט זיך בויגען און פאָרמען, אָבער ווער האָט דען אין זינען צו בויען אָדער צו פאָרמען, דאָס דאַרף מען גור פאָרמירען פרישע קאַדרען, כדי מיט זייער צאָהל צו דעמאָנסטרירען פאַר'ן געגנער. עס וועט נישט זיין איבערטריבען אויב כ'וועל זאָגען, דאָס ניינציג פּראָצענט פון דער יוגענד ווייס נישט גענוי זייער פּאַרטיי־פּראָגראַם. דערפאַר צו האַסען דעם געגנער שנאת מות (הגם זיי ווייסען נישט מיט וואָס ער איז זיין געגנער) שפּאַרט קיין שום פּאַרטיי נישט.

אונזערע פּאַרטיי־פיהרער ווייסען דערפון און האָבען גאָרנישט בדעה די ערשיינונג צו פערבעסערן, ווייל אויב אין אָנפאַנג מיינט מען נאָך אפשר ערנסט די ערציהונג, ווערט זי אָבער אין פערלויף פון דער צייט אַ טפל. ביים אַריינציהען מיטגלידער רעכענט זיך די פּאַרטיי מיט פינאַנציעלע מעגליכקייטען, וואָס פערגרעסערן זיך צוזאַמען מיט דער צאָהל מיטגלידער. און חוץ דעם איז צאָהל אויך פּרעסטיזש: ברב עם הדרת מלך.

די פּאַרטיי־שכרות האַלט אָן ביים יונגען מענש זיין בעסטע צייט, זי פערשלינגט איהם אינגאַנצען, אַזוי, אַז ער האָט צומאָל קיין צייט נישט זיך אַרומצוקוקען וואו ער געפינט זיך עפּיס אויף דער וועלט. דאָס אויסניכטערן קומט אָפט לײדער צו שפּעט, ווען די יוגענד איז שוין אונטער איהם און דאָס גרויע טאָג־טעגליכע לעבען קלאַפּט שוין אין טהיר, דער רעאַליזם וועקט איהם שוין אויף פון דעם פּאַרטיי־לעטאַרג. ווי זאָגט דאָס פאָלק: צוערשט דאַרף מען זיין אַלט, דערנאָך יונג, האַלט מען ערשט געוואוסט אויף וואָס די יוגענד צו פערברויכען. עס איז שוין לײדער אַזוי: מ'זעהט נישט פריהער דעם שטיין אין וועג, ביז מען פאַלט איבער איהם.

יוגענד איז דינאַמיק; יוגענד איז אַ ברויזענדער וואולקאַן; יוגענד איז די טרייב־קראַפט פון לעבען. וואויל דער יוגענד, וואָס איהר גלויבען, איהר ענערגיע ווערט פערברויכט פאַר אייגענע פּראַקטישע און קאָנסטרוקטיווע ציעלען. דעמאָלט האָט איהר אַ געזונטען דור, וואָס שטעהט פעלזען־פעסט מיט ביידע פיס אויפ'ן באָדען. וועה אָבער צו דער יוגענד, וואָס ווערט אַ ווערקצייג אין די הענד פון די פערשידענע פּאַרטייען, דאָס דור איז קראַנק, ראַכיטיש, גייסטיג און עקאָנאָמיש פערקריפּעלט.

מען וועט זאָגען פון פערשידענע זייטען: פּאַרטייען איז אַ געזונטע ערשיינונג, ווייל עס גיט דער יוגענד אַ חוש פאַר געזעלשאַפטליכקייט. יאָ, אמת! אָבער פּאַרטייען מאַכען אַלס עיקר, אַלס ציעל און אַלעס איבריגעס אַלס טפל, אַלס מיטעל צום ציעל — דאָס איז אַ פערברעכען, נישט צום פערגעבען.

— — — — — — —

דער פּראָבלעם איז זעהר אַנ'אַנגעוועהטאָגטער און דאַרף גרונדליך דורכגעטראַכט ווערען. די דיאַגנאָז איז אַ פעסטגעשטעלטע אין וועלכער עס וועלען פיעל מודה זיין (כ'וועל נישט זאָגען אַלע...) די רעצעפּט, די רפואה צו אָט דער מכה עמפּפעהל איך צו געפונען די ה' פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, אַרום וועלכע עס גרופּירט זיך די יוגענד.

גלייכווערטלעך לכבוד שבועות.

פון יחיאל טשענסטאָכאָווער.

ויהי קולות וברקים — וקול השופר חזק מאד.

ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, ווי גרויס ס'זענען געווען די קולות און געוואַלדען ביים באַרג סיני, וואו עס איז זיך צונויפגעקומען אַזאַ ריזיגע צאָהל ווייבער. דעריבער, בכדי זיי איינצושטילען, האָט טאַקי געמוזט זיין אַ קול שופר חזק מאד, וועלכער זאָל אימשטאַנד זיין איבערצושרייען זייערע קולות.

שלשת ימים אל תגשי אל אשה.

פאַרוואָס איז פערבאָטען געוואָרען דריי טאָג פאַר קבלת־התורה צוזאַמענצוקומען זיך מיט די פרויען? כדי די מענער זאָלען נישט קענען איבערגעבען די פרויען וועגען קבלת־התורה, ווארום ס'האָט געקאָנט דראָהען אַ סכנה, אַז די פרויען, וויסענדיג דערפון, וואָלטען זיי פערבאָטען די מענער צו געהן צום באַרג סיני...

אנכי — לא תרצח.

ווי בעוואוסט, האָט זיך דער אויבערשטער געווענדעט צו די בני עשו, אַז זיי זאָלען נעהמען די תורה — האָבען זיי זיך געפרעגט: וואָס געפינט זיך אין איהר? — לא תרצח — איז געווען די תשובה. דעריבער האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט זי צו נעהמען.

דאַגעגען אָבער צו די יודען האָט זיך גאָט געווענדעט מיט'ן „אנכי ד' אלקיך" — האָבען זיי מקבל געווען די תורה. שטעלט זיך אַ פראַגע: מיט וואָס איז די עולה פון די בני־עשו אַזוי גרויס? מעגליך, אַז ווען דער אויבערשטער וואָלט זיך צו זיי געוואָנדען מיט'ן „אנכי" און נישט מיט'ן „לא תרצח", וואָלטען זיי זי אויך מקבל געווען.

דער תירוץ איז אָבער: כביכול האָט זיך צו אַלע געווענדעט מיט די עשרת הדברות. די ערשטע פינף — פון „אנכי" אָן זענען געווען אויף דער רעכטער זייט; די אַנדערע פינף — פון „לא תרצח" אָן זענען געווען אויף דער לינקער זייט, אַזוי ווי מ'זעהט די לוחות איבעראַל.

ביי די בני־עשו, וועלכע לעזען פון לינקס אויף רעכטס, איז דאָס ערשטע פון עשרת הדברות געוועזען „לא תרצח", דעריבער האָבען זיי זיך דערשראָקען און אָבגעזאָגט זי מקבל צו זיין. דאַגעגען אָבער די יודען, וועלכע לעזען פון רעכטס אויף לינקס, איז דאָס ערשטע געוועזען דער „אנכי" — האָבען זיי זי טאַקי מקבל געווען בשמחה רבה.

וירד משה מן ההר אל העם.

די תורה ווייזט אָן, אַז משה האָט זיך געפיהרט אַנדערש, ווי די גאַנצע וועלט. דער שטייגער איז, אַז אַ מגיד קומט אין אַ שטאָדט, געהט ער צוערשט אין אַ רעסטאָראַן, עסט אַ מאָלצייט, לעהנט זיך אָביסעל צו, זעהט זיך אַדורך די דרשה, וואָס ער רעכענט צו זאָגען. דאַגעגען אָבער משה רבינו האָט נישט אַזוי געטהון, נאָר גלייך פונ'ם באַרג האָט ער זיך געווענדעט צום פאָלק און זיי איבערגעגעבען די תורה.

וירד משה מן ההר אל העם—ויקדש את העם — ויאמר אליהם.

די תורה ווייזט אונז די עניוות פון אונזער רבי משה. אין דער צייט, ווען אַלע חסידים פון דער גאַנצער וועלט ווילען האָבען די זכיה צו הערען קידוש אָדער תורה־זאָגען פון זייער רבי'ן, מוזען זיי צו איהם פאָהרען. משה רבנו אָבער האָט נישט געוואָרט, ביז די יודען וועלען צו איהם אַרויפקומען צום באַרג, נור זיך אַראָבגעלאָזט „אל העם" — צום פאָלק — ויקדש את העם — ער האָט פאַר זיי קידוש געמאַכט — ויאמר אליהם — און תורה־געזאָגט.

פאַרוואָס קומען נישט פאָר קיין חתונות אין די ספירה־טעג.

דער טעם איז: ווייל אַזוי לאַנג, ווי מ'צעהלט נאָך (דעם נדן) וועט קיין חתן נישט געהן צו דער חופה. ערשט דאַן, ווען אַלעס איז שוין אויסגעצעהלט, קען מען רעדען פון אַ חתונה.

מגילת־רות.

פאַרוואָס ווערט געזאָגט מגילת־רות דעם צווייטען טאָג שבועות און נישט דעם ערשטען?

ווייל די מעשה פון רות און בועז'ן איז פאָרגעקומען די צווייטע נאַכט שבועות. עס האָט דאָך נישט געקאָנט זיין די ערשטע נאַכט יום־טוב, ווייל דאַמאָלס האָט דאָך בועז געמוזט זיין אין דער שוהל ביי תיקון — דעריבער ווערט עס געזאָגט דעם צווייטען טאָג יום־טוב.

דער טעם פון עסען מילכיגס אין שבועות.

אַזוי ווי אַלע פרויען זענען געוועזען ביים באַרג סיני, איז דאָך נישט געוועזען ווער עס זאָל אָבקאָכען אַ מיטאָג, האָבען זיי אַהיימקומענדיג געמוזט יוצא־זיין, מיט מילכיגס.

צום אָנדענקען פון דעם עסען מיר אויך מילכיגס אין שבועות.

מתן־תורתנו.

די בעלי־עבירות זענען זיך נוהג אויף דער עלטער צו שרייבען אַ ספר־תורה און זי צו געבען אין דער שוהל. דער טעם דערפון איז: בכדי די עבירות וואָס זיי האָבען געטהון יונגערהייט, זאָל הייסען, אַז זיי זענען געשעהן פאַר מתן תורה.

אנשטאָט תורה — עבודה.

אויף די וו. חסידים האָט מען געזאָגט, אַז זיי פערנעהמען זיך ווייניג מיט תורה און גיבען זיך מעהר אָב מיט עבודה, וואָס בעשטעהט פון מאַכען אָפט אַ כוסה.

אויף דער פראַגע פון אַ חסיד פון אַנ'אַנדערן רבי'ן וועגען טעם דערפון האָט דער וו. חסיד געענטפערט:

— גאָר פשוט. בעת מתן־תורה האָבען מיר פערשפּעטיגט און געקומען צום באַרג סיני, ווען די תורה איז שוין געהאַט געגעבען געוואָרען און מ'האָט שוין געהאַלטען ביים משקה־טרינקען. אַזוי ווי מיר האָבען דאָרט מצה"ניש... נישט געזעהן נור די משקה — האַלטען מיר דאָס לדורות און דערמיט דיענען מיר דעם בורא עולם.

וואוסט געוואָרען, אַז ער האָט טאַקי געזיגט, איז די שמחה געווען אַזוי גרויס, אַז ווער עס האָט עס נישט אַדורכגעלעבט, קאָן זיך דאָס גאָרנישט פאָרשטעלען. די וואַרשאַווער זענען געבליבען אבל וחפוי ראש.

דאָס איז געווען שבת־צו־נאַכטס.

זונטאָג איז פאָרגעקומען דער פינאַל, אין וועלכען עס האָבען שוין אַנטייל גענומען 4 אונזערע יאַטען.

די שפּאַנונג איז געווען געוואַלדיג גרויס, מיט האַרץ־קלאַפּונג האָט מען געוואַרט, ווי אַזוי אונזערע חברה וועלען אַרויס פון קאַמף: צי וועלען זיי ווערען מיסטזשען אָדער נישט.

די קאַמפען הויבען זיך אָן און אויף דעם רינג בעווייזען זיך די צערייצטע לייבען. יעדער וויל אַלץ דעם צווייטען בעזיעגען. עס הויבען זיך פויסטען, עס שוויצען לייבער און דער עולם היררזשעט, אַזוי ווי די... כ'וויל זיי נישט בעליידיגען.

מילא, איהר ווילט דאָך וויסען, וואָס ס'איז געוואָרען. דעם רעזולטאַט קאָן איך אייך מעלדען: מיר האָבען נאָר געהאַט אַ סאַטיספאַקציע אויף 50 פּראָצענט, ד. ה. פון אונזערע 4 קעמפער זענען נאָר 2 אַרויס זיעגרייך: ישראַליק כליוונער און יוסף שיין, וועלכע זענען אנערקענט געוואָרען אַלס מייסטער, דאַגעגען יאָסעלע זילפערבערג, וועלכער קלאַפּט אַלע מאָל קאָנצערט, האָט דאָס מאָל צוליעב אַ דעפעקט פערשפּיעלט. אויך דער שטאַרקער בינדער, וועלכער איז דער ליעבלינג פון עולם, האָט צו זיין אומפערגלייכליכען געגנער פערשפּיעלט אויף פונקטען.

אָבער ס'מאַכט נישט, די יודישע מכבי־העלדען פון גאַנץ פוילען האָבען זיך איבערצייגט, אַז טשענסטאָכאָוו האָט זיך נישט צו שעהמען מיט איהרע באָקסער־יאַטען. אויך מיר האָבען מכבי־מיסטרזשעס אין פוילען.

ושמרו בני ישראל את—הפּאַלטענס.

אין דער וואַרשאַווער גאַס 17 זענען פערהאַנען עטליכע שטיבלעך, צווישען זיי אויך אַ סטריקאָווער שטיבעל. דאָרט איז פערהאַנען אַ גבאי מיט'ן נאָמען ג—וו, וועלכער איז צוליעב'ן קריזיס מסתמא שפּאָרזאַם, אַזוי אַז יעדען פרייטאָג־צו־נאַכטס שטעלט ער אָן דעם זייגער, וועלכער זאָל אויסלעשען די עלעקטרישע בעלייכטונג באַלד ווי מען פערענדיגט מעריבית.

טרעפט אָבער אַמאָל, אַז מען פערציהט לענגער מיט'ן דאַווענען, און די עלעקטריע לעשט זיך אויס אין מיטען שמונה־עשרה.

די חסידים האָבען תרעומות צום גבאי, הלמאי ער שטעלט אָן דעם זייגער צו פריה, האָט דאָס דעם גבאי שטאַרק פערדראָסען: היתכן? ווער וואַגט דאָס איהם צו זאָגען אַ דעה. דערפאַר האָט ער זיך „אָבגעשמועסט" מיט'ן זייגער, אַז ער זאָל נאָך פריהער אויסלעשען די עלעקטריע, און זאָלען זיך די חסידים גוט ק...

פערגאַנגענעם פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט דער גבאי אָנגעצינדען קליינע ליכטלעך און דעם זייגער אויסצולעשען די בעלייכטונג, האָט ער אָנגעשטעלט אויף צעהן מינוט צו האַלב 9. איז אויסגעקומען, אַז אַקוראַט, ווען דער בעל תפלה האָט פערענדיגט די תפלה הפורס — ועל ירושלים, און דער עולם האָט, ווי דער שטייגער, געוואָלט אַ כאַפּ אונטערגעבען דעם „ושמרו" איז די עלעקטריע אויסגעלאָשען געוואָרען, און יעדער האָט זיך געכאַפּט צו די פּאַלטענס, מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל איהם זיי נישט אויסטוישען.

די מהומה, וואָס דאָרט האָט זיך געטהון, קאָנט איהר זיך אַליין פאָרשטעלען. אַנשטאָט דעם, וואָס דער עולם האָט געדאַרפט זאָגען „ושמרו בני ישראל את השבת", איז געווען ושמרו בני סטריקאָווער חסידים את הפּאַלטענס: דעם ויכולו האָבען זיי שוין געזאָגט אינדערהיים.

איצט בונטעווען זיך די סטריקאָווער חסידים געגען זייער גבאי, ווייל ער האָט זיי פערשטערט דעם „ושמרו".

היצען...

די לעצטע טעג זענען זעהר הייסע און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס עס איז ערשט מאַי, זענען די היצען זעהר גרויסע.

פויערים בעטען אויף רעגען, כדי זייערע פעלדער זאָלען נישט פערברענט ווערען, דאָס זעלבע — די גערטנער־אייגענטימער. אויך די בעפעלקערונג בעט נאָך אַביסעל רעגען, ווייל די היץ פּייניגט זיי און עס פערפעהלט זיי אָטעם.

אַלזאָ, רבותי, איך זאָג אייך אָן אַ שלעכטע בשורה: נישט בלויז וואָס ס'וועט קיהלער ווערען, נאָר פערקעהרט, פון טאָג צו טאָג וועט הייסער און הייסער ווערען. עס וועלען זיין שטאַרקע היצען, דער עולם וועט שוויצען סכנות, עס וועט פערפעהלען לופט און מענשען וועלען משוגע ווערען און וועלען רעדען פון זינען.

עס וועלען פאָרקומען וואַהלען צום שטאָדט־ראַט און די אַגיטאַטאָרען וועלען אָנמאַכען אַזעלכע היצען, אַז עס וועט נישט זיין אויסצוהאַלטען...

יודען, פאָהרט בעסער אַוועק, ווארום עס געהען אויף אייך שרעקליכע היצען.

ער איז אַ דינסט און דאָס משרת איז אַ הערר...

מען דאַרף אָנשרייבען אַ גאַנץ בוך וועגען די קוריאָזען, וואָס ענטשטעהען ביי וואַהלען. מילא, דאָס געבען צו פערשטעהן דעם פּראָסטען עולם וועגען זיינע אויפגאַבען, איז שוין אַנ'אַלט קאַפּיטעל. איצט וויל איך נאָר דערצעהלען וועגען דעם, ווי אַזוי מען האָט צונויפגעשטעלט די וועהלער־רשימה איבערהויפּט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען יודישע נעמען.

גינסבערג קומט אַרויס גיסענבוים, זיגעלבוים קומט אַרויס זאַגמאַן, שמואל ווערט ביי זיי געשריבען שאַמאַלאַדע א. ז. וו. אויב דאָס איז אייך נאָך ווייניג, קומט נאָך אַרויס, אַז די קאָנטראָלערען, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען אויפנעמען די רשימה, האָבען, למשל, אויף איין אָרט אין נייעם מאַרק אַריינגעשריבען דעם בעל־הבית אַלס די דינסט און די קעכין האָבען זיי איינגעשריבען אַלס דעם בעל־הבית...

וואָס פאַר אינצידענטען און מיספערשטענדנישען דאָס וועט זיין בעת'ן אָבגעבען די וואַהל־צעטלען, איז זיך לייכט משער צו זיין...

אַז באָיקאָט — זאָל זיין באָיקאָט.

אויף דעם אַנטי־היטלער מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען יענע וואָך, זענען אַרויסגעטרעטען צוויי שליחים פון וואַרשאַ: ה' זונדלעוויטש און רעד. וואָלקאָוויטש, וועלכע האָבען אָנגעגעבען אַ קלאָרען בעריכט וועגען היטלער־דייטשלאַנד, גערופען צו שטיצען די דייטשע פּליטים, ווי אויך אויפגעפאָדערט ווייטער צו באָיקאָטירען דייטשע סחורות.

זייער רוף צו באָיקאָט איז געווען אַזוי אַבסאָלוט, אַז זיי האָבען ביי דער געלעגענהייט אויך באָיקאָטירט די... יודישע שפּראַך, וואָס איז ענליך צו דייטש. ווי דען אַנדערש — אַז באָיקאָט, זאָל זיין באָיקאָט...

אַ געמיינזאַמער בלימעל־פערקויף.

מיר זענען געוואוינט, אַז די בלימעל־טעג זאָלען די יודען איינאָרדנען בעזונדער (כמעט יעדען טאָג אַ בלימעל־פערקויף), און די קריסטען (זעלטען ווען אַמאָל) — אויך בעזונדער, געווענליך אין זונטאָג. אַז יודען זאָלען אָבער צוזאַמען איינאָרדנען מיט די קריסטען אַ געמיינזאַמען בלימעל־טאָג, איז גאָרנישט בנמצא. פונדעסטוועגען טרעפען אַזעלכע אויסנאַמען אויך. דאָס איז געווען אין דער ל. א. פּ.־וואָך, זענען יודישע פרויען געזעסען ביי טישלעך און פערקויפט אָבצייכנונגען: די יודישע — אין דער יודישער געגענד, און די קריסטליכע אויך — אין דער יודישער געגענד. דער עיקר אָבער, אַז אַלע יודען האָבען געקויפט און אַרויסגעוויזען, אַז זיי זענען פּאַציפיסטיש געשטימט און וועלען קעמפען געגען דער גאַז־מלחמה. דער עיקר העיקרים איז אָבער, וואָס כאָטש איינמאָל איז פאָרגעקומען איין געמיינזאַמער בלימעל־פערקויף.

לויתן.

פונ'ם פּאַרטעפּיאַן-רעציטאַל פון פרוי וואַנדאַ קאָפּעצקאַ.

פערגאַנגענעם מאנטאג איז אין זאַל פון קאַמעראַל-טעאַטער פאָרגעקומען אַ פּאַרטעפּיאַן-רעציטאַל פון פרוי וואַנדאַ קאָפּעצקאַ, וועלכע ווערט מיט פערדינסט געשעצט אין אונזער שטאָדט אַלס פּיאַניסטין און פּעדאַגאָגין פון פּאַרטעפּיאַן.

נאָכ'ן אויספיהרען די איינלייטונגס-שאַפונג פון באַך: וואַריאַציעס א. ט. כאָראַל „וויינען קלאָגען", וועלכע איז דער העכסטער אויסדרוק פונ'ם גייסט פון פּראָטעסטאַנטיזם, האָט פרוי קאָפּעצקאַ געשפּיעלט אַ גאַנצע רייה ווערק פון שאָפּען: פאַנטאַזיע עף-מאָל, צוויי מאַזורקעס ציס-מאָל און עף-מאָל, באַלאַדע גע-מאָל (וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשאַפען אונטער'ן איינדרוק פון מיצקעוויטש'ס פּאָעמעס), ווי אויך דאָס בעריהמטע שערצאָ האַ-מאָל מיט אַ קאָלענדע פון אַ לייכטען און פרעהליכען אינהאַלט, שאָפּען'ס מוזיק צייכענט זיך אויס מיט ליריזם, טייל-מאָל מיט אַ מעלאַנכאָלישער נאָטע. עס פעהלען אין איהר אויך נישט אַקצענ-טען פון העראָאישער קראַפט. דער פּיאַניסטינס שפּיעלען צייכענט זיך אויס מיט אַ פּלאַסטישער אויספיהרונג. דער-ביי בעמיהט זי זיך אַרויסצובעקומען אַ מעלאָדישע און נאָבעלע פערוונדע-טע מוזיק פראַזע, וואָס איז אַמבולט'-סטען געקומען צום אויסדרוק בעת דער אינטערפּרעטאַציע פון דער באַלאַדע גע-מאָל.

נישט ערגער פיהלט זיך די פּיאַניס-טין אין דער ספערע פון דער מאָדער-נער מוזיק, וואָרום דאָס אויספיהרען פון דער עטיודע בע-מאָל אָפּ. 4, ווי אויך פון ק. שימאַנאָווסקי'ס צוויי מאַ-זורקעס א-מאָל און בע-דור (אין וועל-כע עס דריקען זיך אויס די ריטמיק און מעלאָדיע פון די פּאָדהאַלאַנער לי-דער), האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דיזעלבע מעלות.

אגב אורחא מוז מען בעמערקען, אַז שימאַנאָווסקי'ס שאַפונגען האָבען זיך אין אָנהויב אויסגעצייכענט מיט אַ קלאַסישער פאָרם; די ווייטערדיגע ווערק דאַגעגען זענען שוין געשריבען אונ-טער'ן איינפלוס פון אימפּרעסיאָניזם.

פרוי קאָפּעצקאַ האָט איהר קאָנצערט פערענדיגט מיט מאַטשעיעווסקי'ס „וויג-ליעד" און מ. מוסאָרגסקי'ס „בילדלעך פון אַנ'אויסשטעלונג", אַרויסווייזענדיג הויפּטזעכליך אין דער לעצטער שאַ-פונג קאָלאָסאַלע טעכנישע מיטלען, ווי אויך אַ מייסטערהאַפט אַריינדרינגען אין דעם קאָמפּאָזיטאָר'ס כוונות, אין דעם סטיל און גייסט פון זיין קאָמפּאָזיציע. „די בילדלעך פון אַנ'אויסשטעלונג" האָט מוסאָרגסקי געשריבען אונטער'ן אימפּולס פון זיין פריינד האַרטמאַנ'ס בילדער-אויסשטעלונג. מוסאָרגסקי האָט אויך חוץ דעם פערדינסטען פאַר דער רוסישער מוזיק. ער האָט זי בערייכערט מיט נייע האַרמאָנישע מיטלען און אַ דאַנק דער אונמיטעלבאַרקייט און פרישקייט פון זיין מוזיק האָט ער אויסגע-איבט אַ בעדייטענדען איינפלוס אויף די לעצטע קאָמפּאָזיטאָרען-דורות.

מען ברויך נישט קיין סך גוטען ווי-לען, כדי — נאָכ'ן אויסהערען אַזאַ קאָנצערט — אַרויסצווייזען בעגייסטע-רונג. דאָס פּובליקום, וועלכעס איז בע-שטאַנען הויפּטזעכליך פון מוזיק-ליעב-האָבער, האָט זיי אויספיהרערין בע-שאַנקען מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטען.

ל. קוטשינסקי

בוליגאַנישער אַנפאַל אויף שילער פון יודישען גימנאַזיום.

דינסטאָג אָוונד איז אַ גרופּע שילער און שילערינס פון דער 8-טער קלאַס פון יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום אונטער דער אַנפיהרונג פון דער לעה-רערין פר. שומאַכער געגאַנגען מיט אַנ'אויספלוג אין שטאָדטישען אַכטראָנאָ-מישען אָבסערוואַטאָריום, וואָס געפינט זיך אין נייעם פּאַרק. ווען די שילערס זענען אַרום 9 אָוונד אַרויסגעגאַנגען פון אָבסערוואַטאָריום, זענען זיי אין פּאַרק בעפאַלען געוואָרען דורך אַ גרופּע בוליגאַנעס, וועלכע האָבען מיט שטעקענס די שילער און שילערינס געשלאָגען.

ווי מען איז זיך משער האָט אימיצער וועגען דעם אויספלוג מודיע געווען די בוליגאַנעס, וועלכע האָבען די שילערס אָבגעוואַרט און אויסגעפיהרט דעם העס-ליכען אַנפאַל.

ס'איז צו האָפען, אַז די אויספאָר-שונגס-מאַכט וועט אַדורכפיהר'ען אַנ'ענער-גישע אויספאָרשונג, כדי די בוליגאַנעס צו ענטדעקען און זיי געהעריג בע-שטראָפען.

דער וואַהל - קאַלענדאַר.

דעם 18 און 19-טען ד. ה. וועלען די קאַנדידאַטען-ליסטעס אונטערזוכט ווערען און דאַן, דעם 20 און 21 ד. ח. וועלען זיי אויסגעבעסערט ווערען; ביז'ן 23-טען וועט פאָרקומען דאָס ערלעדיגען רעק-לאַמאַציעס, דעם 23 וועט מען פּער-עפענטליכען די ענדגילטיגע קאַנדידאַ-טען-ליסטעס און דעם 27 מאַי וועלען פאָרקומען די וואַהלען.

אַ פּרעכטיגע קינדער-פאָרשטעלונג.

מיט דער גרעסטער שפּאַנונג ערוואַר-טען די פּעריעהרער פון די פאָרשטע-לונגען פון די קינדער פון פּרל. ווינ-שטאָק'ס שולע דעם אויפטריט, וואָס קומט פאָר מאָרגען שבת, 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין קינאָ „אַטלאַנ-טיק".

אַלע געדענקען נאָך די פּרעכטיגע פאָרשטעלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען פאַראַיאָהרען פון דער „פאָרצעלאַן-לאַל-קע" און וואָס איז ווידערהאָלט געוואָ-רען אוש 4 מאָל און די בעזוכער זע-נען געווען ענטציקט פון דער פּרעכ-טיגער אויפפיהרונג.

דאָס מאָל שטעלען די קינדער פאָר אַ הערליכע אָפּערעטע א. נ. „בלענ-קיטנאַ", וואָס צייכענט זיך אויס מיט פּרעכטיגער מוזיק און פּראָזע, ווי אויך טענץ אין אַ וואונדערבאַרען צוזאַמענ-שפּיעל.

מיט איין וואָרט, די בעזוכער וועלען האָבען דעם אמת'ן נחת-רוח פון דער קינדער פאָרשטעלונג, וואָס קומט פאָר מאָרגען שבת 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

ווי מען טיילט אונז מיט, וועט די פאָרשטעלונג אויפגעפיהרט ווערען נאָר איין איינציג מאָל.

„וויעק נאָווי" האָט פּערעפענטליכט אַ ידיעה, אַז דאָס לעמבערגער קרייז-געריכט האָט בעשטראָפט אַ גאַנצע רייה פּערזאָנען צו 2, 3, 4 און 6 חדשים אַרעסט פאַר נאָכמאַכען ד"ר עטקער'ס באַק פּולווער. גוטע און בע-קאַנטע סחורה ווירקט אויף פערברע-כערס צו זוכען לייכטע פערדינסטען דורך פעלשונגען.

מיר וואָרנען דעריבער אַלע נישט צו קויפען קיין „ביליגע" פאַלסיפיקאַ-טען, ווייל זיי זענען שעדליך און קיי-נער דאַרף נישט ריזיקירען זיין געזונד צוליב אַ פּאָר גראָשען.

מיר וואָרנען אויך די פעלשער, אַז זיי וועלען האָבען דעם זעלבען גורל, וואָס די לעמבערגער „פאַבריקאַנטען", ווייל מיר וועלען אַלע פעלשער פער-פאָלגען מיט דער גאַנצער ריקזיכטלאָ-זיגקייט.

דעריבער — פאָרזיכטיג מיט די פאַל-סיפיקאַטען! נור די אמת'דיגע פּרעפּאַ-ראַטען פון ד"ר עטקער זענען נאַר-האַפט, געשמאַק און געזונט. מיר בע-טען אַכטונג צו געבען אויף אונזערע צייכענס: „העל-קאָפּ" און „דר. עטקער".

אויספלוגען - קאַלענדאַר פון דער יוד. לאַנדקענטשאַפט - געזעלשאַפט.

1) דעם 19, 20 און 21-טען ד. ח. אַ 3 טאָגיגער טוריסטישער אויספלוג נאָך וויסלאָ. די אָנטיילנעמער אין אויספלוג וועלען גלייכצייטיג בעזוכען דעם מלוכה-פּרעזידענטס שלאָס אין וויסלאָ.

2) שבת, דעם 19-טען ד.ח. האַלב 10 פריה—אויספלוג אין די קאַלך אייוען און פּאַפּע-פאַבריק „סאַטורן".

3) זונטאָג, דעם 20 ד. ה. 3 נאָכמי-טאָג—אויספלוג פאַר שול-יוגענד אין דער גערטנער-פערמע אין אַניאָלאָוו.

4) מאָנטאָג, דעם 21 ד. ח. האַלב 4 נאָכמיטאָג — שפּאַציר אויספלוג אין דער גערטנער-פערמע אין אַניאָלאָוו. טרעף-פּונקט אין לאָקאַל.

אין קורצען: אויספלוג נאָך גנאַשין און בעזוך פון דער שולע, ווי אויך אַנ'אויספלוג נאָך זלאָטי-פּאָטאָק.

אינפאָרמאַציעס און איינשרייבונגען אין סעקרעטאַריאַט פון דער געזעלשאַפט (אַלעע 20), פון האַלב 9 ביז 10 אָוונד. טעל. 10 78.

פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי.

שבת, דעם 19-טען ד. ח. פּינקטליך 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אַ מיטגלידער פערזאַמלונג געווידמעט אַק-טועלע פראַגען. עס וועלען רעפערירען ה"ה: איצקאָוויטש, רוזשעוויטש, בראַט-מאַן, אָרלינסקי א. אַנדערע.

זונטאָג, דעם ערשטען טאָג שבועות פּונקטליך 3.30 נאָכמיטאָג קומט פאָר אַ שיחת-חברים.

פון „ברית החייל".

מאָנטאָג, דעם 14 ד. ח. איז פאָר-געקומען אַ געזעגענונגס-אָוונט לכבוד דעם מיטגליעד פון טשענסטאָכאָווער „ברית החייל" געלבאַרד צו זיין אָב-פאָהר נאָך ארץ-ישראל.

שבת, זונטאָג און מאָנטאָג האַלב 4 נאָכמיטאָג קומען פאָר פערזאַמלונגען פון „ברית החייל", אויף וועלכע ה' זאַנדבערג וועט רעפערירען וועגען דער געשיכטע פון יוד. לעגיאָן.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

דינסטאָג, דעם 15 ד. ח. איז פאָר-געקומען אַ פערזאַמלונג פון ועד פון ברית הצה"ר, אויף וועלכער עס איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע פון די שטאָדט-ראַט וואַהלען.

פּרעזעס ניעמיראָווסקי און ה' הערצ-בערג גיבען אָב אַ בעריכט פון זייער טעטיגקייט, וואָס ווערט אַקצעפּטירט.

עס איז דאַן בעריהרט געוואָרען די פראַגע פון דער קאָלעקטיווער פּע-טיציע-אַקציע אין טשענסטאָכאָוו, וועל-כע וועט זיך אין קורצען אָנהויבען מיט אַ מאַסען-מיטינג ביים אָנטייל פון איינעם פון די בעסטע פרעלעגענטען.

פון בית"ר.

לעצטענס איז די אַרבייט אין קן פערשטאַרקט געוואָרען אַ דאַנק דעם צוריקקומען פון די חברים: פעלץ, שאַנ-צער און אייזענבערג, וועלכע האָבען אָנטייל גענומען אין אינסטרוקטאָרען-קורס אין זשאָרקי.

די אינסטרוקטאָרען האָבען איבער-גענומען די גאַנצע פיזישע אויסבילדונג אין קן און אויך איינגעאָרדענט אַ מי-ליטערישען קורס פאַר די, וואָס דאַרפען זיך בעטייליגען אין די וועלט-מאַנעווערעס, וועלכע קומען אין קורצען פאָר.

אַלס קולטורעלער לייטער פון היגען קן איז בעשטימט געוואָרען סטודענט פרידמאַן.

רייזע = פּלאַן

גילטיג פון 15-טען מאַי 1934 י.

קומען אָן:

פון וואַרשאַ: 0.52 (קורסירט פון 19 מאַי ביז'ן 8 ווערזשעשען); 3.41; 4.03; 9.35 (איבערשט. קאַלושקי), 10.50 שנ.; 14.34; 17.40 (איבערשט. קאַלושקי); 20.36 שנ.; 21.23 שנ.; 23.50 (איבערשט. קאַלושקי).

פון פּיעטרקאָוו: 7.41.

פון קאַטאָוויץ: 1.35; 7.32; 9.32 שנ.; 10.32; 13.00; 15.05; 17.27; 19.15; 19.48 שנ.; 22.25.

פון קראָקאַ: 1.49; 3.34 (קורסירט פון 21 מאַי ביז'ן 10 ווערזשעשען); 9.32 שנ.; 15.05; 19.30 שנ.;

פון הערבי: 7.24; 10.27; 17.49; 14.36; 22.03.

פון לובליניעץ: 14.36.

פון לאָדז קאַל. דורך זדונסקא וואָלא און הערבי: 7.24; 17.49; 22.03.

פון קעלץ: 5.32 (קורסירט פון 16 טשערוויעץ ביז'ן 19-טען שערפּיען); 7.35 (פון 15 מאַי ביז'ן 15 טשערוויעץ און פון 20 שערפּיען ביז'ן 14 מאַי); 19.32.

פון פּויזען מיט איבערשטייגען אין הערבי: 7.24; 17.49; 22.03.

פון גדיניא דורך אינאָווראָצלאָוו מיט איבערשטייגען אין הערבי: 7.24; 22.03.

געהען אָב:

נאָך וואַרשאַ: 1.40; 1.54; 3.39 (קורסירט פון 21 מאַי ביז'ן 10 ווערזשעש.); 5.40 (איבערשט. קאַלושקי); 9.34 שנ.; 12.10 (איבערשט. קאַלושקי); 15.12; 18.05 (איבערשט. אין קאַלושקי); 19.35 שנ.; 19.53 שנ.

נאָך פּיעטרקאָוו: 20.05.

נאָך קאַטאָוויץ: 4.08; 5.45; 8.05; 10.53 שנ.; 11.10; 16.10; 19.45; 20.41 שנ.; 22.15.

נאָך קראָקאַ: 0.57 (פון 19 מאַי ביז'ן 8 ווערזשעשען); 3.47; 10.53 שנ. 14.40; 21.28 שנ.

נאָך הערבי: 5.48; 7.45; 14.15; 18.10; 23.55.

נאָך לובליניעץ: 18.10

נאָך לאָדז קאַל. מיט איבערשט. אין הערבי און זדונסקא וואָלאָ: 7.45; 14.15; 23.55.

נאָך קעלץ: 4.08; 15.10.

נאָך פּויזען מיט איבערשט. אין הערבי: 7.45; 14.15; 23.55.

נאָך גדיניא מיט איבערשט. אין הערבי: 14.15; 23.55.

קרעפּלעך...

אַ מאכל אַזאַ — לכבוד שבועות.

נעם אין אַזאַ צייט, ווען אויף דער יודישער גאַס איז אַזוי טומלדיג אַרום די וואַהלען צום שטאָדט-ראַט און שרייב אָן אַ שבועות'דיגען פעליעטאָן; דער קאָפּ איז פערטומעלט, פאַר די אויגען שוועבט:ווירטשאַפטליכער בלאָק, אַל-געמיין-יודישער וואַהל-בלאָק, פּעראַיי-ניגונג, צושפּליטערונג און דאָ קומט דער אכזריות'דיגער רעדאַקטאָר און פאָדערט אַ פעליעטאָן, וועלכער זאָל זיין געווידמעט דעם פריהלינגס-יום-טוב שבועות.

די לעזער—טענה'ט דער רעדאַקטאָר—מוזען האָבען ס'זייעריגע און דו מוזט דיר דעם קאָפּ צוברעכען און זיי גע-בען זייערס: איז יום-טוב—מוזטו געבען אַ יום-טוב-פעליעטאָן און דו מוזט עס צופּאַסען אַזוי, אַז עס זאָל זיין אַקטועל פאַר'ן געגעבענעם יום-טוב.

זיץ איך און ברעך מיר טאַקי דעם קאָפּ: וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען דעם פעליעטאָן, אין מח שווימען מיר אַדורך אַלע נעמען, וואָס קענען נאָר גענומען ווערען אין בעטראַכט.

אַזוי, למשל, האָב איך געטראַכט וועגען אַ נאָמען געבען דעם פעליעטאָן: „גרינס אויף שבועות", איך האָב גע-וואָלט בעזינגען די נאַטור און פער-גלייכען דאָס פאָלק ישראל צו דער נאַטור, אַז אַזוי ווי די נאַטור איז פריי און נישט געצוימט, אַזוי זענען מיר אויך צווילדעוועט אין אונזער לע-בען, האָב איך זיך געטראַכט, אַז עס איז נישט אָנגענעהם צו מוסר'ן דאָס ביסעל יודען, אין דער צייט ווען זיי האָבען גענוג פיהרער, וועלכע לערנען זיי מדות און מעשים טובים, האָב איך ווידער גערעכענט אַ נאָמען צו געבען: „נעשה ונשמע" און דער-צעהלען וואָס פאַר אַ סייער פאָלק מיר יודען זענען, אַז מיר האָבען מקבל גע-ווען די תורה אָהן שום דיסקוסיעס, נאָר מיר האָבען בלינד געפאָלגט אונ-זער פיהרער און בעת ער האָט אונז פאָרגעלייענט זיין פּראָגראַם פון די עשרת הדברות, האָבען מיר באַלד גע-ענטפערט: נעשה ונשמע, ראָזקאַז „פּאַ פּולקו", האָב איך אָבער צוריקגעטראַכט אַז „נעשה ונשמע" איז אַנ'אָבגעלעב-טער בעגריף; היינט הערט נישט דאָס פאָלק, וואָס זייערע פיהרער זאָגען, נאָר זיי פערלאַנגען, אַז די פיהרער זאָלען זיי דערהערען...

דאַן איז מיר איינגעפאַלען אַ גע-דאַנק אויפצושרייבען דעם קאָפּ „אתה בחרתנו" און אויף דעם געביעט אָנ-שרייבען אין פערשידענע וואַריאַנסען די מעלות פון יודען, וואָס איז פון אַלע זיבעציג אומות אויסדערוועהלט געוואָרען אַלס דאָס איינציגע טייערע פאָלק און פון דעמאָלס אָן פיהלט מען, אַז מיר זענען מיוחסים און אויב מיר פערגעסען אַ מינוט וועגען דעם, דער-מאָנט מען אונז באַלד, האָט מען אָבער שוין וועגען דעם אַזוי פיעל געשריבען, אַז קיין נייעס וועל איך שוין בעשטימט נישט אַריינברענגען.

אַזוי האָב איך איבערגעוואָרפען פערשידענע נעמען און זיך אַלץ נישט געקאָנט צוקלויבען אַ נאָמען, ביז עס איז מיר איינגעפאַלען דער נאָמען: קרעפּלעך.

פאַרוואָס דוקא קרעפּלעך, ווייס איך אויך נישט, נאָר אַז איך האָב עס שוין אויפגעשריבען, וועל איך שוין במילא עפּיס צוטראַכטען.

קרעפּלעך — דאָס איז אַזאַ מין מאכל וואָס ווערט פון אַ גאַנצע זאַך צוקרע-פּעלט אויף שטיקלעך און דאָרט מישט מען אַריין פערשידענע מינים, ווי ראַ-זשינקעס, צימרינג און קעז, דאַן טייג און נאָך אַנדערע שאר ירקות. אַזוי זענען מיר יודען אויך געגליכען צו קרעפּלעך. מיר זענען אַמאָל געווען אַ גאַנץ נאָרמאַל פאָלק, האָט מען אונז צוקרעפּעלט און ווען מען זאָל צוזאַ-מענעמען אונזערע פּאַרטייען און זיי צוזאַמענוויקלען, וועט אַרויסקומען אַ פיין קרעפּיל.

אויך איז אונזער גאַנץ לעבען גע-גליכען מיט'ן אויסקוק צו אַ קרע-פּיל, וועלכעס יעדער איינער ציהט אין אַנ'אַנדערע זייט, און עס קומט אויס מיט שפּיצען, וואָס יעדער האַלט זיך פאַר אַ שפּיץ (פאַר אַ ספּעץ) פון פאָלק ישראל.

מיר זענען צוהאַקט ווי אַ קרעפּיל, און אומעטום, וואו מיר לעבען, וויל מען אונז צוקרעפּלען.

דאָס קרעפּיל קאָן מען אָבער נאָך פערגלייכען סימבאָליש צום יודישען פאָלק: אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיר זענען צושפּליטערט און צוהאַקט, זענען מיר דאָך בעת אַ צרה צוזאַמענ-געבינדען אין איינעם. דאָס האָט בע-וויזען די היטלעריאַדע, וועלכע האָט אונז געוואָלט פערניכטען און צושטוי-בען, האָבען די יודען פון דער גאַנצער וועלט דאָך זיך פעראייניגט און קעמ-פען מיט מסירות-נפש געגען די דייטשע רוציחם.

איך זוך נאָך פערגלייכונגען צום קרעפּיל, אָבער זעהענדיג, אַז מיין פע-ליעטאָן האָט זיך שוין צוצויגען, ווי אַ נישט געראָטען קרעפּיל, מוז איך פער-ענדיגען מיט אַנ'אָפּעל צו מייגע לע-זער, אַז אויב די היינטיגע קרעפּלעך זענען נישט געראָטען, זאָלען זיי מיר מוחל זיין, ווייל ווי כ'האָב אין אָנהויב בעמערקט, זענען מייגע געדאַנקען פער-נומען מיט די וואַהלען צום שטאָדט-ראַט, וואו מען האָט די יודישע ראַיאָ-נען צוקרעפּעלט און זיי צוגעקלעפּט צו אַזעלכע גאַסען, אַז מיר וועלען אַרויס צוקרעפּעלט מיט אונזער פאָרשטעהער-שאַפט אין שטאָדט-ראַט. דערפאַר בין איך אָבער מבטיח, אַז לשנה הבאה, אַז מיר וועלען די זכיה האָבען, און מיר וועלען האָבען פּטור געוואָרען פון אונזערע אויסערליכע שונאים און וועלען גלייכצייטיג אויך צווישען זיך אָב-שטעלען די שנאה, קנאה און די אַלע געווירצען, וואָס מען טהוט היינט אַריין אין די קרעפּלעך — וועלען די אַנדערע קרעפּלעך זיין מעהר געראָטענע, ווי די היינטיגע.

סמאָל.

Ręce matki-

zdradzają życie pełne mozołu i nieustannej pracy — wciąż tylko dla męża i dzieci. Szczęśliwy, kto doznaje jeszcze troskliwości rąk macierzyńskich! Ale czyżby tym pracowitym rękom nie należało się również choć trochę pielęgnacji i ochrony? Owszem, chociażby tylko przez unikanie pozornie tanich a zarazem ostrych środków do prania. Lepiej wydać 10 groszy więcej i zamiast zwykłych mydeł kupić słynne mydło „Kołłontay z pralką". Subtelny zapach, obfita i łagodna piana oraz zawartość gliceryny — oto zalety mydła „Kołłontay z pralką", które dzięki swej niedoścignionej jakości jest więcej warte niż kosztuje.

Prosimy zważać

252

mydło z pralką

Kołłontay

jest lepsze...

na znak ochronny „PRALKA"

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז

דעם 23 מאַי עפען איך אַ נייעם שעהן און מאָדערן איינגעריכטעטען

פּענסיאָנאַט אין ברזאָנסטאָוו סטאַציע קאָניעצפּאָל

מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען און פערוויילונגען, ווי: ראַדיאָ, טעניס א.ז.וו.

דער פּענסיאָנאַט געפינט זיך אין אַ זעהר שעהנער און געזונטער געגענד אין וואַלד און איז פערזעהען מיט אַ געשמאַקע, כשר'ע קוך. — רייכע מאָהלצייטען. — מעסיגע פרייזען.

מיט אַכטונג

ה. פאַקטאָר, קאָניעצפּאָל (אייגענטימער פון האָטעל).

Pensjonat „Leśniczówka"

w Ostrowach, st. Blachownia

איז שוין אָפען.

זוניגע צימערן מיט וועראַנדעס. עלעקטריש בעלייכטונג. מעסיגע פרייזען.
אויף פערלאַנג מינעראַל, גאַז און זונען-בעדער. ערשטקלאַסיגע קוך.
טעלעפאָן: טשענסטאָכאָוו 16-10

די כשר'ע קוך ווערט געפיהרט אין אַ בעזונדער לאָקאַל אונטער דער אויפזיכט פון מיין מוטער דאָרא רייכער.

בעמערקונג: קינדער פון 8 יאהר ווערען אָנגענומען אונטער אויפזיכט פון אַ פרעבעל-לעהרערין.

Pensjonat L. Jakubowicza

OSTROWY, Poczta BLACHOWNIA.

„יהללך זר ולאפיך".

נאכ'ן אָרויספיהרען אַ רעמאָנט איז מיין פּענסיאָנאַט קאָמפּאַרטאַבעל איינגעאָרדענט און איז טעטיג פון 25-טען מאַי ד. י.

כשרע דיעטישע. — געשמאַקע שפּייזען. — סאָלידע בעדיענונג.
ביליגע פרייזען. — ראַדיאָ א. ז. וו.

אינהאַבער **ל. יאַקובאָוויטש.**

דער לאַנגיעהריגער **בעוואוסטער פּענסיאָנאַט** פון

וו. סאַנדראָמיערסקי אין כּרזאָנסטאָוו

סטאַציע קאָניעצפּאָל

עפענט זיך צום נייעם זומער-סעזאָן שוין דעם 23 מאַי.

דער פּענסיאָנאַט איז פערזעהען מיט אַלע נייעסטע איינריכטונגען און בעקוועהמליכקייטען, אויך ראַדיאָ, „ספּעציעלע פערוויילונגען פאַר קינדער א. א. וו. די וויללע געפינט זיך אין אַ שעהנעם טרוקענעם וואַלד. — זוניגע וואוינונגען. — כשר'ע קוך. — געשמאַקע און גענוגענדע שפּייזען. מעסיגע פרייזען.

וועגען אינפאָרמאַציעס זיך ווענדען צו **י. שוואַרץ, וואַרשאַווער 13.**

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo **Warszawa, Fredry 4.**

Mydło Bebe Szofmana - איבעראל פאר קינדער און ערוואקסענע

אויסגעצייכענט, אַזוי ווי שטענדיג,

ווערט געלונגען דאס געבעקס, ווען מיר ווערען בענוצען די אַלזייטיג אויסגעפּרובטע מיטלען פון

ד"ר עטקער.

איך עמפּפעהל מיין רייך-אילוסטרירט ביכעל „פ" מיט פאָרשריפטען. פרייז 40 גראָשען.

Dr. A. OETKER.

Szkoła Rzemieśln.-Przemysłowa dla Żydów w Częstochowie

podaje do wiadomości, iż zapisy dla nowo-wstępujących uczniów rozpoczęły się z dniem **15-go maja** b. r.

ברילען, בינאָקלען אין אַ גרויסען אויסוואַהל

נייעסטע פאַסאָנען, אויסגעפיהרט גענוי לויט די פאָרשריפטען פון אָקוליסטען. איך טויש אויס ברילען, אַרויסגעגעבענע דורך דער קראַנקען-קאַסע. אַלערארט רעפּעראַציעס ווערען פאַכמעניש אויסגעפיהרט. ברילען און ניקעל-אומפאַסונג פון 2 זל. און אומפאַסונג פון מאַסע פון 4 זל.

פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען

און מכשירים, נייעסטע קאָנסטרוקציעס פון פערשידענע פירמעס אין אַ גרויסען אויסוואהל אויף בעקוועהמע בעדינגונגען. ספּעציעלע אָבטיילונג פון אויספיהרען אַמאַטאָרסקע ארבייט אין זעלבען טאָג. — סאָלידע אַרבייט. — קאָנקורענץ-פרייזען.

OPTYK MEDICAL — Z. Erner, Aleja 31

ביליגע פאָרשטעלונג אין קאַמעראַל-טעאַטער.

שבת, דעם 19-טען ד. ח. 4 אַ זייגער נאָכמיטאַג וועט אין קאַמעראַל-טעאַטער פאָרקומען אַ פאָרשטעלונג צו [illegible] פרייזען (פון 50 גר. ביז 1 זל.) פון דער פּיעסע פון יערזשי זאַוויעיסקי א. נ. „דער מענש איז נישט נויטיג".

בילעטען צו בעקומען אין דער קיל-טור-ליגע, אַלעע 12.

Kino „LUNA"

היינט — פּרעמיערע !

ŻLEKOCHANA

געשעהעניש פון אַ טענצערין, וועלכע האט געדורשט נאָך ליעבע און דער-גרייכט רוהם.

הויפּט-ראָלען **אַליס בראַדי, מ. אָ'סולאַיאַן**

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - צוגאָבען.

אָנהויב פון די סעאַנסען: וואָכען-טעג 6, שבת 4.30, זונטאָג און יום-טוב 3.30.

פרייזען: קרעסלאַ און באַלקאָן 70 גר. פּלוס 10 גר. פּאָדאַטעק, 3 פּלעצער 45 פּלוס 5 גר. פּאָדאַטעק. דער זאַל ווערט געלופטערט מיט ווענטילאַטאָרען.

„ATLANTIC"

אַגראָדאָווא 14.

גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם !

דער שענסטער סענסאַציאָנעלער פילם

BOHATER z ZACHODU

מיט וואַלאַס בעררי — און

Za kratami

הערליכע קאָמעדיע מיט **פּליפּ** און **פּלאָפּ.**

א נאַכט צו-פריהער האט דער גראָדנער נאָקאָוטירט זיין געגנער אין דער ערש-טער רונדע.

כליוונער האט זיך אבער אַרויסגעוויזען אין אַ זעהר גוטער פאָרם און לאָזט נישט אַרויס פון דער ערשטער מינוט אָן די איניציאַטיווע פון זיין האַנד. ער האט די גאַנצע צייט אָנ'איבערמאַכט איבער פערלשטיין'ען און זיעגט אויף פונקטען. דאס פעזאַמעלטע פּובליקום האט הייס אַפּלאָדירט דעם ערשטען טשענסטאָכאָווער מייסטער פון פּוילישען „מכבי" אויפ'ן יאהר 1934.

לייכטע וואָג: נוישטאַדט (מכבי, וואַרשא)—בינדער (מכבי, טשענסטאָכאָוו) האבען געליפערט אַ זעהר שעהנעם קאַמף. דער וואַרשאָווער איז אַן'ערשט-קלאַסיגער באָקסער און קעמפט „פעיר", אבער מיר האבען זיך אויך נישט צו שעהמען מיט בינדער'ן, צו וועלכען ס'געהערט די ערשטע רונדע. דער וואַר-שאָווער האט מעהר רוטינע און אַ בע-סערע טעכניק א דאַנק וועלכען ער האט אָנ'איבערמאַכט אין די לעצטע צוויי רונדעס און בעזיעגט בינדער'ן אויף פונקטען.

מיטעל-וואָג: ווישניאַק (מכבי, וואַרשאַ) און שיין (מכבי, טשענסטאָכאָוו). שיין האט געמאַכט אַן'אָנגענעמע איבערראַ-שונג דעם היגען פּובליקום. ער האט געוויזען אַ פאָרם, וועלכע מיר האבען ביי איהם נאָך נישט געזעהען. אויסנו-צענדיג אין אַ בעדייטענדער מאָס די רעכטע האַנד בעזיעגט ער זיין געגנער אויף פונקטען.

Kino „EDEN"

פון שבת און ווייטער

1) גרויסער רעווי-פילם

KOBIETA ORCHIDEA

מיט דזשון נייט און נעיל האַמילטאָן.

2) ערשטע פּויליש-טשעכישע קאָמעדיע

12-cie krzeseł

מיט וולאַסטאַ בוריאַן און דימשא.

שבת, זונטאַג און מאָנטאַג 12.30 מיטאָג צו ביליגע פרייזען

BYŁEM SZPIEGIEM

פון דער גליקליכער קאָלעקטור פון י. וועקסלער.

ס'געהט נישט אַדורך קיין איין קלאַס פון דער מלוכה-לאָטעריע, אַז אין ה' י. וועקסלער'ס בעוואוסטער קאָלעקטור זאָל נישט פאַלען מעהרערע בעדייטענדע געווינסען.

אויך אין דער איצטיגער ציהונג האט דאס מזל וועקסלער'ס קאָלעקטור נישט פערפאַסט און שוין ביז נעכטען האט די גליקליכע קאָלעקטור פערצייכענט עטליכע שעהנע געווינסען. אַזוי האט דער נומער 157477 געווינען 5000 זל., נר. 39268 — 2000 זל., נר. 153585 — 2000 זל. א. א. וו.

BŁĘKITNA...

W sobotę 19 maja 1934

punkt. o godz. 3 pp. odegrana zostanie staraniem Samorządu Uczn. przy Szkole Koedukacyjnej ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY w sali kina „ATLANTIC" cudowna baśń—operetka o źródełku p. n. „Błękitna". Ilustracja muzyczna prof. I. Zaksa. Powtórzony też będzie na ogólne żądanie

„Sejm dzieci" Korczaka

Dochód przeznaczony na cele Samorządu. Przedsprzedaż biletów w szkole, aleja 20 (tel. 10-78) codziennie od 13—14 i 18—20.

רינג - קייט לטובת „קרן - המושבה"

ה' יונגסטער ענטפערט דעם ה' ניעמיראָווסקי מיט 2 זל.

פרל. עטינגער ענטפערט דעם ה' הערצבערג מיט 2 זל. און רופט אַרויס: העלענאַ רייך, בערעק פייגא, פּאַלאַ קרימאַן.

ה' זיגעלבוים ענטפערט דעם ה' הערצבערג מיט 2 זל. און רופט אַרויס: י. זילבערשטיין, ש. שפּיעוואַק, פרל. פישאָף.

שרה לאַנדוי ענטפערט ה' הערצבערג מיט 3 זל.

נח קורלאַנד ענטפערט י. צימערמאַן מיט 3 זל. און רופט אַרויס: ע. פרידריך, מישקובנא, ר. ניעמיעץ, ב. יעשאַנאָוויטש, בלומענקראַנץ, ה. איצקאָוויטש.

יאַרזשאָמבעק גיט 5 זל. און רופט אַרויס: י. קורלאַנד, ש. ווין, ווייסמאַן, ה. ראָזענבוים, יוסף פראַגא, פ. בוזין.

פּוי האָלאַנד גיט 5 זל. און רופט אַרויס: א. קורלאַנד, ז. ביבער, מ. שידלאָווסקי, א. זאָמבעק, ש. זיגעלבוים, ש. פייגענבוים.

דניאל נאָטיינער ענטפערט מיט 2 זל. און רופט אַרויס: ערליך, מאוער, אַבערמאַן, אַראָנאָוויטש, נאַכטיגאַל, יאַקובאָוויטש.

זאַנדבערג ענטפערט מיט 3 זל. און רופט אַרויס: מ. ערליך, ל. יעשאָנאָוויטש, מאַרקאָוויטש, נאָוואָק, ק. ריימאַן.

אַנ'עלטערן פערזאַמלונג.

זונטאָג, דעם 20-טען מאַי פונקטליך 4 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12, אַ פערזאַמלונג פון דער שולע פאַר לערן-יונגלעך און מיידלעך. צוליעב אַ רייהע נייע פעראָרדנונגען פון דער מאַכט דאַרף יעדער האַנדווערקער בעזוכען די פערזאַמלונג.

פון ספּאָרט

צוויי טשענסטאָכאָווער מייסטערס פון פּוילישען מכבי אויפ'ן 1934 י.

זונטאָג אָוונד זענען פאָרגעקומען די פינאַלען פון די מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון מכבי-פערבאַנד אין פּוילען. די קאַמפען האָבען אַרויסגערופען אַ גרויסע פעראינטערעסירונג ביי די היגע ספּאָרט סימפּאַטיקער, איבערהויפּט, אַז אין 4 פון די 5 קאַמפען איז געווען פערטרעטען דער טשענסטאָכאָווער מכבי.

פליגען - געוויכט: בירנבוים (מכבי, וואַרשאַ) – ליבערמאַן (בר-כוכבא, לאָדז). דעם קאַמף געווינט [illegible] הויך אויף פונקטען בירנבוים.

אין דער האַהן-וואָג בעזיעגט קראַוויעצקי (מכבי, וואַרשאַ) זילבערבערג'ן (מכבי, טשענסטאָכאָוו).

פעדער - געוויכט: כליוונער (מכבי, טשענסטאָכאָוו) — פערלשטיין (מכבי, גראָדנאַ). דער דאָזיגער קאַמף איז געווען ערוואַרטעט מיט גרויס שפּאַנונג, ווייל



Redaktor i wydawca: B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleja 6